KE 14538

HDI
HW 26A7 B

ר. רובין

# יידישע פרויען

אָגיז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1943

ריווקע רובין

# ייִדישע פרויען

פארצייכענונגען

אָגי"ז
מעלוכע-פארלאג „דער עמעס", מאָסקווע 1943

KE 14538

HARVARD
UNIVERSITY
LIBRARY
June 26, 1947

Harvard Yiddish Literature Collection

## אינהאלט

| | זייַט |
|---|---|
| איינע אין קראַסנאָדאר | 3 |
| הינט | 17 |
| באַם ברונעם | 22 |
| דאָס צווייטע קינד | 27 |
| די געווינערן | 30 |
| א באַגעגעניש | 34 |
| די שומע ראיע | 40 |
| טאמארע עלקין | 44 |
| פּראָפעסאָר כאַנע פרומין | 48 |
| א שוּועסטער | 53 |
| דאָס זייַנען בלויז עפּיזאָדן | 57 |
| געגרזנ-שמאַלץ | 61 |



# איינע אין קראַסנאָדאר

זיי האָבן זיך צעשיידט אין א וואַלד באַם אריבערשטייַגן דעם עלברוס נאָך דעם, ווי זיי האָבן דורכגעמאכט צוזאמען אפ פוס א וועג פון 500 קילאָמעטער.

זיי זייַנען אלע געווען אָנגעשטעלטע פונעם קראַסנאָדארער פּי-צוכט-פּונקט. זיי האָבן פעסט באַשלאָסן אריבערשטייַגן דעם עלברוס און דערפירן צו אונדזערע טיילן די עוואַקוירטע בעהיימעס, וועלכע האָבן רויִק געשפּאַנט באַ די זייַטן פון זייערע וועגענער. אויב דאָס וועט זיך נישט איינגעבן, וועלן זיי אלע צוזאמען צושטיין צו א פּאַר-טיזאַנישן אָטריאַד.

אין דער היפשער קרעפּטיקער יידישער מישפּאָכע פון עדלינען, דעם דירעקטאָר פונעם פּיצוכט-פּונקט, זייַנען צוויי מענטשן ניט בע-קויעכ געווען ארויפצושטייַגן אפן בארג — אן אכציאָריק מיידעלע און אן אכציקיאָריקע זקיינע. אליין האָט מען זיי דאָ ניט געקאָנט איבער-לאָזן. דער גוירל צו בלייַבן מיט זיי און באַשיצן זיי איז געפאלן אפ דווירע עדלינען, דעם דירעקטאָרס פרוי, אפ דער דווירע, וואָס די גאנצע מישפּאָכע האָט זיך שטענדיק געגרויסט מיט איר כאָכמע. אלע האָבן געהאָפט, אז אויך איצט וועט זי זיך מיט איר סייכל ארויס-דרייען פון אלע אומגליקן.

זיי האָבן זיך צעשיידט. דווירע איז געבליבן אליין מיט דער אלטער מוטער און מיטן איינינקל. איר אייגנס איז געווען — א פערד מיט א וואָגן, א קו, עטלעכע קליידלעך און שפּייַז אפ זעקס-זיבן טעג.

דווירע — א קליינינקע, א קייַלעכדיקע מיט א גוטמוטיקן צוויי-ענדיקן גוידער, מיט א פּאַריסן נעזל, מיט קאַרע לעבעדיקע אויגן, מיט געמיטלעכע ווייכע הענט, געוווינטע צו ארבעט, — האָט געהאַט, ניט געקוקט אפ איר טונקעלער הויט, ווייַט ניט קיין אויסגעשפּראָכן יידיש אויסזען. ווען זי איז אָנגעטאָן אין א פּלאַשעט געקעסטלט קלייד און דער קאָפּ ארומגעבונדן מיט א טיכל, קאָן מען זי לייַכט אָננעמען פאר א רוסישער פּויערטע. דאָס מיידעלע איז געווען א בלאָנדס, מיט

בלויע אויגנ, מיט א העלער הויט. די אכציקיאָריקע זקיינע אָבער איז געווענ א טיפּישע יִדישע גוטע מאמע. יעדעס וואָרט אירס, יעדע באוועגונג האָט געזאָגט איידעס וועגנ איר יִדישקײַט, וועגנ איר געפּערלעכקײַט פאר דער „דריטער אימפּעריע”, אונ דעריבער האָט מענ זי געמוזט שטארק אויסבאהאלטנ. דווירע האָט זיכ אוועקגעזעצט צוזאמענ מיטנ קינד אפנ וואָגנ, אונ די מוטער האָט זי אוועקגעלייגט אפנ דעק פונעמ וואָגנ אונ צוגעדעקט זי מיט אלע אירע קליידלעכ.

דער דעק פונעמ וואָגנ האָט געדינט פאר א ווױנונג דער יאומגליקלעכער אלטער אינ מעשעכ פונ לאנגע אָנדערהאלבנ כאדאָשימ. דאָ, אינעמ וואָגנ, איז זי געלעגנ, ווענ דער הימל האָט געהאָגלט ביט באָמבעס, ווענ דערפער זײַנענ פארפלייצט געוואָרנ פונ דײַטשישע דעסאנטנ, ווענ אינ פינצטערע נעכט האָבנ זיכ נאָכ די איינזאמע פרויענ געיאָגט וועלפ.

דווירע איז געווענ רויִק. זי איז געווענ זיכער, אז ס'וועט ניט לאנג אויסקומענ צו לײַדנ. אינגיכנ וועלנ קומענ אונדזערע אונ ס'וועט אלצ גוט זײַנ. מע דארפ נאָר אויסהאלטנ, מע דארפ זײַנ שטארק אונ קלוג, דעריקער קלוג.

גאנצ אָפט פלעגט דווירענ אויסקומענ איבערצולאָזנ די פור מיטנ קינד, מיט דער אײַנגעפּאקטער אלטער אינ וואַלד אונ אליינ לאָזנ זיכ אינ א דאָרפ ארײַנ זוכנ שפּײַז. פאר זיכ האָט זי שטענדיק געטריבנ די בעהיימע אלס איידעס פונ איר פויערישקײַט.

די נעכט זײַנענ געווענ שווערע. ס'האָט געפּײַניקט די איינזאמקײַט אונ אומבאהאָלפנקײַט. ס'האָט זיכ געבענקט נאָכ דער גאנצ היפּשער, געקניפּטער אונ געבונדענער מישפּאָכע. ווײַט ערגעצ האָבנ זיכ געשלאָגנ אפ די פראָנטנ אירע דרײַ זינ. עפּשער גאָר נאָענט. אָבער זייער ווײַט פונ איר האָבנ זיכ געפונענ איר מאנ אונ איר טאָכטער. צעווייט אונ צעשפּרייט... אונ סאָפּאָטשקעס מאמע, דווירעס עלטערע טאָכטער, איז געשטאָרבנ, אונ סאָפּאָטשקעס טאטע איז אפנ פראָנט, אונ דאָס קינד איז מיט איר, אונ זי, דווירע, מוז פארהיטנ איר לעבנ. צי וועט זיכ עס איר אײַנגעבנ? צי וועט דער פאָטער פונעמ קינד ניט טרעפנ אינגאנצנ קיינ פוסט אָרט, ווענ ער וועט זיכ אומקערנ פונ דער מילכאָמע?

איינמאָל, וואנדערנדיק איבער די דערפער, האָט דווירע זיכ צופעליק באגעגנט מיט א געוועזענעמ אָנגעשטעלטנ פונעמ קראסנאָדארער פיצוכט-פונקט. ער האָט איר דערציילט וועגנ דעמ כורבנ פונ קראסנאָדאר, וועגנ דעמ, אז אינ שטאָט איז שוינ קיינ איינ יִיד ניטאָ. ער האָט איר דערציילט וועגנ רוסישע פרויענ, וואָס זײַנענ געקומענ אפנ זאמל-פּלאצ פונ די יִדנ, קעדיי צו שטארבנ צוזאמענ מיט זייערע יִדישע מענער, וועגנ פרײַנט אונ באקאנטע, וואָס האָבנ באגלייט די יִדנ אינ זייער לעצטנ וועג. דער באקאנטער האָט דערציילט דווירענ וועגנ צוויי שוועסטער קאראיִמקעס, וואָס זײַנענ ניט געקומענ אפנ זאמל-פּונקט. זיי האָבנ בעסער אײַנגענומענ אָפּיום אונ זײַנענ רויִק אײַנגעשלאָפנ אינ זייערע אייגענע בעטנ. ניט געקומענ אפנ זאמל-פּונקט איז אויכ א צוויי-יאָריק יִדיש קינד, וואָס האָט זיכ געשפּילט אפנ הויפ אינ באבקעלעכ פונ זאמד אינ דער צײַט, ווענ זײַנ מוטער איז געגאנגענ צומ טויט. דײַטשנ זײַנענ אָבער פּינקטלעכ. זיי פארגעסנ גאָרנישט. א פּאָליציימאנ האָט זיכ אומגעקערט אינ שטאָט ארײַנ אונ געבראכט דאָס קינד — א באָרוועס, א הוילס, אינ איינע טרוסיקלעכ.

דווירענ האָט אָנגעהויבנ ארומכאפּנ א פארצווייפלונג. דער קרײַז איז וואָס ווײַטער אלצ ענגער געוואָרנ. די גאנצע געגנט איז שוינ געווענ פארנומענ פונ דײַטשנ. אינ די דערפער איז געווענ אומעגלעכ אויסצובאהאלטנ זיכ. דווירע האָט שוינ אויכ לאנג פארלאָרנ איר פּײַנעקו, וועלכע האָט געפונענ כיינ אינ די אויגנ פונ א דײַטש. דווירע איז געווענ גליקלעכ, וואָס ער האָט זיכ ניט דערקליבנ צומ וואָגנ, ווו ס'איז געווענ באהאלטנ ריינ יִדיש בלוט.

אינ איינ פּײַנעמ פרימאָרגנ האָט זיכ דווירע ארומגעזעגנ, אז זי געפינט זיכ אינעמ וועלדל, וואָס פירט קיינ קראסנאָדאר. פאר אָנדערהאלבנ כאדאָשימ וואָגלענישנ איבער די דערפער האָט זי אומבאמערקט פאר זיכ אליינ דורכגעמאכט אפ צוריק די 500 קילאָמעטער, וועלכע האָבנ זי אָפּגעטיילט פונ דער שטאָט, וואָס זי האָט פארלאָזט.

— די וועלט איז גרויס אונ ס'איז ניטאָ ווו אהינ צו טאָנ זיכ. כ'וועל מיסטאמע, פּונקט ווי דאָס יִנגעלע ווי א פינגערל פונעמ מײַסעלע, ארײַנפאלנ צומ מעכאשעפ גלײַכ אינ מויל ארײַנ. מיר וועלנ נאָכ אָבער זענ, צי וועט מיכ דער מעכאשעפ אראָפּשלינגענ.

דווירע האָט זיכ געלאָזנ אינ שטאָט ארײַנ צוזאמענ מיטנ קינד אונ מיט דער מוטער אפנ דעק פונעמ וואָגנ אונ איז טאקע באלד ארײַנגעפאלנ צומ מעכאשעפ אינ מויל ארײַנ. א באקאנט מיידל, וועלכער דווירע האָט צוגעזאָגט שענקענ דאָס פערד מיטנ וואָגנ, האָט זיי ארײַנגעלאָזנ אלע דרײַ אינ שטוב ארײַנ. עס האָט זיכ אָבער ארויסגעוויזנ, אז פאר די אָנדערהאלבנ כאדאָשימ האָט דאָס מיידל באוויזנ צו כאסענע האָבנ אונ דאפקע מיט א רוסישנ אָנגעשטעלטנ פונ דער דײַטשישער פּאָליציי. אפ מאָרגנ איז דאָס גאנצע אויסטערלישע געזינדל ארויסגערופנ געוואָרנ אינ געסטאפּאָ.

מע איז געגאנגענ אונ געשוויגנ. די מוטער, אנ אויסגעמאטערטע פונ וועג, אנ אויסגעהונגערטע, מיט האלב-אפגענומענע גלידער פונעמ לאנגדויערנדיקנ ליגנ אינ באוועגונג אינעמ וואָגנ, האָט קוים גערירט מיט די פיס.

— דווירע, — האָט געזאָגט די מוטער נאָכ א לאנגנ שווײַגנ, — איכ בינ אלט. איכ האָב שוינ מײַנע יאָרנ אויסגעלעבט. זע, איכ זאָל דיר כאָלילע ניט זײַנ קיינ שטיינ אינ וועג. ראטעווע דאָס קינד, דווירע!

מע איז ווידער געגאנגענ אונ געשוויגנ.

דווירע איז צוזאמענ מיט דער מוטער אונ מיטנ מיידעלע ארײַנ אינ געסטאפאָ. דער קאָרידאָר איז געווענ פול געפאקט מיט מענטשנ, וואָס האָבנ שוינ לאנג געווארט אפ זייער ריי. דאָסאָוו זײַנענ דאָ געווענ מענטשנ, ארויסגערופענע, וואָס זײַנענ געקומענ אהער אליינ. דאָס זײַנענ געווענ אומגליקלעכע, פארורטיילטע מענטשנ מיט אזעלכע „פארברעכנס", וואָס איז אומעגלעכ געווענ צו פארענטפערנ, אומעגלעכ צו דערקלערנ.

טאָג-אײַנ, טאָג-אויס האָט מענ אהער גערופנ א מיטליעריקע רוסישע פרוי, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ אונ אויסגעוואקסנ אינ קראס-נאָדאר, וואָס א האלבע שטאָט האָט געקענט ניט נאָר זי, נאָר אויכ איר מוטער אונ איר באָבענ. די פרוי האָט שווער געזינדיקט קעגנ דער דײַטשישער מאכט מיט דעמ, וואָס איר מישפאָכע האָט, קענטיק, מיט פיל דוירעס צוריק, גענומענ זיכ די פאמיליע מייעראָוויטש, א פאמיליע, וואָס קלינגט ייִדיש.

אנ עלטערער ארבעטער איז געגאנגענ אהער איבער א טאָג דער פאר, וואָס ער איז געזעסנ פארטראכט אפ א בענקעלע לעבנ זײַנ טויער אונ ניט גענוג שנעל אפגעשפרונגענ פונעמ אָרט, ווענ פארבײַ אימ איז דורכגעגאנגענ א דײַטשישער אָפיצער. דער אויספאָרשער פונ געסטאפאָ האָט געפאָדערט פונעמ ארבעטער בלויז איינ זאכ, — ער זאָל אימ זאָגנ פינקטלעכ, וועגנ וואָס ער האָט דאנ געטראכט. דער ארבעטער, וואָס האָט אינ דעמ מאָמענט פונ זײַנ „פארברעכנ" זיכ דעמ קאָפ געבראָכנ, ווי צו קריגנ א ביסל שאָלעכצ פונ קארטאָפל אפ א זופ פאר זײַנ גויסעסדיקער אלטער, האָט בעשומויפנ ניט געקאָנט אויס-טראכטנ פארנ אויספאָרשער קיינ פאסיקנ ווארינאנט. דער אויספאָרשער האָט אלצ כוישעד געווענ, אז דער ארבעטער האָט זיכ פארטראכט וועגנ אוועקגיינ צו די פארטיזאנער, אונ דערפאר קומט אימ א הארבע שטראָפ. ער האָט אָבער געוואָלט, אז דער פארברעכער זאָל זיכ אליינ מוידע זײַנ דערינ.



אָט אזוי האָט מענ פונ די קאָרבאָנעס געצאפט דאָס בלוט טראָפנ נאָכ טראָפנ. די אלע מענטשנ האָבנ געוווסט, אז ס'וועט זיי סאָפ-קאָלסאָפ ניט מײַדנ דער גוירל פונ די עמעסע „פארברעכער", וועלכע מע ברענגט אהער צעבלוטיקטע, אונטער א קאָנוואָי, אָט די, וועלכע מעלדנ זיכ ניט פאראקשנט אפ דער ארבעט-בירזשע, אָדער זיי האָבנ פארבינדונגענ מיט די פארטיזאנער. די מענטשנ, וואָס זײַנענ געקומענ אָנ קאָנוואָי, האָבנ געוווסט, אז זייערע פארפײַניקטע קערפערס וועלנ זיכ סאָפקאָלסאָפ וואלגערנ צוזאמענ מיט יענע, וואָס מע ברענגט ארעס-טירטע. דאָס, וואָס מע רופט זיי אהער ארויס, איז בלויז א פאר-ווײַלונג פאר די הערנ דײַטשנ, א שפיל פונ א קאצ מיט א מויז.

די דרײַ מיטגלידער פונ דער מישפאָכע עדלינ זײַנענ געשטאנענ אינ א ווינקעלע, אָפגערוקט אונ איזאָלירט פונ אלעמענ. דווירע האָט געפילט אפ זיכ בליקנ — נײַגעריקע, גלײַכגילטיקע, מיטפילנדיקע, אָבער קיינער האָט ניט געוואגט זיכ ווענדנ צו איר מיט א וואָרט, פארקניפנ מיט איר א שמועס.

ענדלעכ, איז דערגאנגענ די ריי פונ די עדלינס. מע האָט זיי ארײַנגערופנ צומ אויספאָרשער.

דווירע האָט א צײַט ניט געדענקט, וויאזוי ס'איז פונ איר אָפ-געשיידט געוואָרנ די מוטער. אינ זיקאָרנ זײַנענ געבליבנ בלויז א לעצטער טרויעריקער בליק אונ א קלאפ פונ א טיר. פונ וועלכער? רעכטנ? לינקס? הינטער די פלייצעס? ערשט פיל שפעטער, אינ א כוידעש ארומ אנ ערעכ, האָט דווירע דערקענט די טיר. געווענ איז עס אזוי: דווירע איז געשטאנענ פארנ אויספאָרשער, האלטנדיק, ווי שטענדיק, דאָס קינד פעסט בײַ דער האנט. דעמ קינדס האנט פלעגט זי אפ די פארהערנ קיינמאָל ניט ארויסלאָזנ פונ אירער. פונעמ קינדס האנט האָט ארײַנגעשטראָמט פריש בלוט אינ איר קערפער. „פאר דיר, — האָט זי בעשאס-מײַסע געטראכט, — שטיי איכ אויס די גאנצע פײַנ. איכ מוז דיכ פארהיטנ פארנ פאָטער". דווירע איז דאָכ געשטאנענ אפנ פארהער, נאָר מע האָט זי וועגנ גאָרנישט ניט געפרעגט, ווײַל צומ אויספאָרשער האָט מענ פלוצלינג ארײַנגעפירט א יונג רוסיש מיידל מיט פארבונדענע הענט.

— דײַנ נאציאָנאליטעט? — האָט מענ זי געפרעגט.

— א רוסישע. — האָט געענטפערט דאָס מיידל.

— דײַנ באשעפטיקונג? — האָט מענ זי געפרעגט.

— א פארטיזאנערנ. — האָט הויכ אונ שטאָלצ געענטפערט דאָס מיידל.

אין איין אויגנבליק איז דאָס מיידל צעבלוטיקט געוואָרן פון קאָפּ ביז די פיס. עס האָט זיך געעפנט א ווײַטיקע טיר, און דאָס מיידל איז אין ערגעץ ארײַנגעשליידערט געוואָרן.

דאן האָט זיך דווירע אינגאנצן פינקטלעך דערמאָנט, אז הינטער אָט דער טיר איז פארשוואונדן געוואָרן אויך איר אלטע. פון אָט דער זײַט האָט צו איר דערגרייכט דער זקיינעס אקיידע-בליק.

איצט אָבער איז דווירע געשטאנען דאָס ערשטע מאָל פארן פאר-הער. זי האָט באשלאָסן איר פאמיליע-נאָמען ניט צו לייקענען. דאָס וואָלט געווען געפערלעך, ווײַל פיל מענטשן האָבן זי געקענט מיט דעם פאמיליע-נאָמען „עדלין". אפ אלע פארהערן האָט זי זיך געהאלטן פונעם אָנהייב ביזן סאָפ בא אזא ווערסיע: זי איז אליין א רוסישע. איר ערשטער פארשטאָרבענער מאן, גיאדאקאָוו, איז אויך געווען א רוס. דאָס מיידעלע איז בא איר דאָס לעצטע קינד פונעם ערשטן מאן. ערשט ניט לאנג פאר דער מילכאָמע האָט זי א צווייט מאָל כאסענע געהאט מיטן ייִד עדלין און זײַן פאמיליע-נאָמען טראָגט זי עס. די זקיינע איז געווען עדלינס מוטער.

— ברענג אהער א רוסישן מענטשן, וואָס זאָל באשטעטיקן, אז דו ביסט א רוסישע,—האָט געזאָגט דער אויספאָרשער.

דווירע איז ארויס מיטן קינד פון געסטאפּאָ. דער קאָפּ האָט איר געשווינדלט. די גאס האָט אויסגעזען טויט. פון יעדן צעלעכערטן הויז, פון יעדער שפּארונע פון די פענצטער, פארשלאָגענע מיט ברעטלעך, האָבן ארויסגעקוקט דער אלטער מוטערס טרויעריקע אויגן. צו וועמען ווענדן זיך? ניטאָ קיין מענטשן. קענטיק, ס'איז דער לעצטער טאָג אין איר לעבן. אינערלעך אָבער האָט זיך עפּעס געווערט קעגן דעם געדאנק. ס'האָט זיך ניט געוואָלט גלייבן, אז דאָס איז דער סאָף.

— ראטעווען קענען מיך בלויז אונדזערע, אָבער ווו זײַנען זיי?—האָט א טראכט געטאָן דווירע, פארײַסנדיק דעם קאָפּ צום ריינעם הימל, וואָס איז געווען פונקט אזוי פּוסט, ווי די גאס. קיין איין אעראָפּלאן האָט זיך אפ אים ניט געוויזן.

ווען דווירע האָט אָפּגעווענדט דעם בליק פונעם הימל, האָט זי דערזען פאר זיך א גוט באקאנט, פרײַנטלעך, דערשראָקן פּאָנעם. אנטקעגן איר איז געשטאנען דער ארטיסט פון דער געוועזענער רוסישער דראמע — דראָזדאָוו, וועלכער איז געווען ניט גלײַכגילטיק צו איר טאָכטער און איז דעריבער געווען אן אָפטער גאסט בא איר אין שטוב.

— ווערא איסאיעוונא, — האָט מיט בלייכע ליפּן אויסגעשעפּטשעט דראָזדאָוו,—ווי קומט איר אהער? אנטלויפט. איר וועט דאָך דאָ אומקומען.



— מײַן לעבן איז איצט אין אײַערע הענט, ארקאדי פּעטראָוויטש,—האָט געענטפערט דווירע.—באשטעטיקט, אז איך בין א רוסישע, וועל איך בלײַבן לעבן.

זיי האָבן זיך אומגעקערט זאלבעדריט אין דער געסטאפּאָ.

— אויב דו זאָגסט ליגן,—האָט מען דאָרטן געוואָרנט דראָזדאָוון,—וועלן מיר דיך צעשיסן, ווי א הונט.

— איך זאָג עמעס, — האָט רויִק געענטפערט דראָזדאָוו.

— איין איידעס איז ווייניק,—האָט געזאָגט דער אויספאָרשער,—מע דארף האָבן נאָך איינעם. אָ, דאָס פייגעלע וועט מײַנע הענט ניט מײַדן, — האָט ער מיט א פאסקודנעם פײַערל אין די אויגן זיך געווענדט צום איבערזעצער.

זיי זײַנען ארויס פון געסטאפּאָ.

— ווערא איסאיעוונא, זײַט רויִק, — האָט געזאָגט דראָזדאָוו, — מאָרגן וועט זײַן נאָך אן איידעס.

— איך האָף, אז ס'וועט זײַן, — האָט פּאָשעט באמערקט ווערא איסאיעוונא.

אפ מאָרגן האָט א ווילד-פרעמדער מענטש, וועלכן דווירע האָט געזען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, באשטעטיקט אין דער געס-טאפּאָ, אז ער קען זי פיל יאָרן אלס א רוסישע פרוי. דווירע איז ארויס אפ דער גאס א באפרײַטע.

דער איניען פון ווערא עדלינא איז אָבער אין דער געסטאפּאָ נאָך ווײַט ניט געווען ליקווידירט. די דאָזיקע פרוי איז געווען פאר-דעכטיק. מיט ריין דײַטשישער אוטאָמאטישקײַט זײַנען רעגולער, איבער א טאָג ארויסגעשיקט געוואָרן צוויי פּאָוועסטקעס, וואָס האָבן ארויס-גערופן אפן פארהער אין דער געסטאפּאָ ווערא איסאיעוונא עדלינא און סאָפיא פּעטראָוונא גיאדאקאָווא. און פינקטלעך איבער א טאָג זײַנען ווערא איסאיעוונא, 50 יאָר אלט, און סאָפיא פּעטראָוונא, 8 יאָר אלט, געשטאנען פארן אויספאָרשער.

זייער שווער איז געווען אויסצוקומען מיטן קינד. גאנצע שאָען פלעגט דווירע אײַנכאזערן מיטן מיידעלע ענטפערן אפ מעגלעכע פראגן. דאָס קינד האָט זיך אויסגעלערנט צו לייקענען אין דער באָבעס אויגן, עס האָט זיך אויסגעלערנט צו פארשטיין קוים באמערקבארע טנועס און זשעסטן, עס האָט זיך צוגעוווינט צו רופן די באָבע-מאמע. אָבער וואָס ווײַטער איז דאָס קינד געוואָרן אלץ מער דענערווירט, אויס-געשעפּט און דערשראָקן. עס האָט אָפט געוויינט און ניט געוואָלט גיין אין געסטאפּאָ.

איינמאָל, ווענ עס זײַנענ אָנגעקומענ די צוויי סטערעאָטיפּ פּאַפּירלעכ פאַר עדלינא אונ גיאַדאַקאָווא, האָט זיכ סאָפּאָטשקע באַהאַלטנ אינ א שטײַג פאַר קראָליקעס, וואָס איז געווענ אפנ הויפ. דווירע האָט זי לאַנג געזוכט. ווענ זי האָט דאָס קינד ענדלעכ געפונענ, האָט סאָפּאָטשקע, ליגנדיק אפ אַלע פיר אינעם שטײַג, קאַטעגאָריש זיכ אָפּגעזאָגט צו גיינ אינ דער געסטאַפּאָ אונ האָט אָנגעהויבנ מיט א קינדעריש-צעלאַכעסדיק קאָל האַלב אויסשרײַענ, האַלב אויסזינגענ די ווערטער פונעמ ליד: „אינ שלאַכט פאַרנ פאָטערלאַנד! אינ שלאַכט פאַר סטאַלינענ!”

די באָבע האָט א דערשיטערטע אַרויסגעשלעפּט דאָס מײדעלע פונעמ שטײַג אונ פאַרשטעלט איר מיט דער האַנט דאָס מויל.

זיי זײַנענ אווק אפּנ פאַרהער. דער איבערזעצער מיטנ פאַרביסענעמ בלייכנ פּנעמ אונ בייזע ביינערדיקע הענט איז דאָס מאָל געווענ באַזונדערס פײַנטלעכ געשטימט צו עדלינענ.

— דו זאָגסט, — האָט ער זיכ צו איר געווענדט, — אַז דו האָסט פאַר דער מילכאָמע געוווינט אינ פּאָלטאַווע, וועלנ מיר טאַקע אַהינ אַוועקשיקנ אַנ אָנפראַגע. סאָפּאָטשקא, — האָט ער זיכ מיטאַמאָל פרײַנטלעכ געווענדט צומ קינד, — עמעס, אינ פּאָלטאַווע האָט איר געוווינט אפ דער שאָלעמ-אַלייכעמ-גאַס? די מאַמע האָט דאָכ מיסטאַמע מיט דיר גוט אײַנגעכאַזערט דעמ אַדרעס, קעדיי דו זאָלסט ניט פאַרבלאָנדזשענ. אַנו, דערמאָנ זיכ.

דאָס צערטלעכע וואָרט „סאָפּאָטשקא” האָט אַזוי אומדערוואַרט דורכגעקלונגענ אינעמ מויל פונעמ מיעסנ פאַרעטער, אַז די באָבע אונ דאָס אייניקל האָבנ ביידע אופגעציטערט.

די באָבע האָט באַלד פאַרשטאַנענ די פּראָוואָקאַציע אונ האָט מיט אומרו געוואַרט אפנ ענטפער פונעמ קינד. סאָפּאָטשקע האָט זיכ א ווײַלע פאַרטראַכט, אונ מיטאַמאָל האָט איר פּענעמל אופגעשײַנט פונ א פריידיקער דערמאָנונג:

— געדענקסט, מאַמע, — האָט זי געזאָגט, — ווי מיר זײַנענ געגאַנגענ אפ דער שאָלעמ-אַלייכעמ-גאַס צו דער מומע סאָניע אפ דער יאָלקע, דאָרטנ איז געווענ אַנ עקסעלע. איז ער געגאַנגענ איבער א ברעט. אוי, האָט ער זיכ געוואַקלט אפ די פיס. אַהינ אונ אַהער, אַהינ אונ אַהער.

זי האָט זיכ מיטאַמאָל הויכ אונ פריילעכ צעלאַכט, דערמאָנענדיק זיכ אינעמ קאָמישנ עקסעלע. פלוצלינג אָבער האָט סאָפּאָטשקע דערפילט אפ דער פּלייצע די ביינערדיקע האַנט פונעמ איבערזעצער. ער האָט זי אפ אַזאַ אויפנ גערופנ צו אָרדענונג. די פרייד אירע איז באַלד



אויסגעלאָשנ געוואָרנ. די אויגנ זײַנענ פול געוואָרנ מיט טרערנ פונ ווייטעק אינעמ צונויפגעדריקטנ אַקסל, אונ זי האָט זיכ דערמאָנט אָנ דער פאַרגעבענער פראַגע.

— ניינ, — האָט דאָס קינד געזאָגט מיט א צונויפגעדריקטער שטימ, — אפ דער שאָלעמ-אַלייכעמ-גאַס האָבנ מיר קיינמאָל ניט געוווינט. מיר זײַנענ אַהינ לאַנג געפאָרנ מיטנ טראַמוויי.

— זאָג נאָר, — האָט דער איבערזעצער זיכ געווענדט צו דווירענ, — וויאַזוי האָסטו כאַסענע געהאַט מיט גיאַדאַקאָוונ, אינ קלויסטער?

— יאָ, אינ קלויסטער.

— דערצייל, וואָס האָט דאַנ געזאָגט דער באַטיושקע?

דווירע איז געשטאַנענ א פאַרלאָרענע. נאָר ביטאַמאָל האָט אינ איר אָנגעשטרענגטנ זיקאָרנ עפּעס גענומענ זיכ אויסקלאָרנ. פאַר די אויגנ האָבנ גענומענ דורכשוועבנ קאַדרענ פונ א פאַרהעלטנישמעסיק ניט לאַנג געזעענעמ פילמ. א רוסישע כאַסענע... א טרויעריקע קאַלע... א גאַלעכ... וואָס זשע האָט דער גאַלעכ געזאָגט דער אומעטיקער קאַלע?..

דווירע האָט זיכ דערמאָנט אונ געענטפערט.

די נאַכט איז דווירע ניט געשלאָפנ. זי האָט זיכ געגרייט צומ קומענדיקנ פאַרהער. עפּשער וועט מענ זי ווידער עקזאַמענירנ אפנ געביט פונ גאָטספאַרכטיקײַט? אַנ אַלטע רוסישע פרוי האָט גערנ אײַנגעכאַזערט מיט דווירענ עטלעכע טפילעס.

באַמ קומענדיקנ פאַרהער איז ווירקלעכ בײַגעווענ גאָר אַנ אַלטיטשקער גאַלעכ. דער קאָפּ האָט זיכ בא אימ געשאָקלט, ווי ער וואָלט די גאַנצע צײַט געדאַוונט, די הענט האָבנ געציטערט, אונ אינגאַנצנ האָט ער געמאַכט אַנ אײַנדרוק, אַז אָט באַלד צעשיט ער זיכ.

דער גאַלעכ האָט געפרעגט דווירענ, צי געדענקט זי „אָטטשע נאַש”. דווירע האָט אָפּגעקלאַפּט די טפילע אינ איינ אָטעמ. פאַרנ דײַטשישנ אויספאָרשער אונ פאַר זײַנ ענערגישנ איבערזעצער איז עס אָבער אַלצ געווענ קאַרג.

— פאַרוואָס זשע טראָגסטו צו אַל די שוואַרצע יאָר, — האָט געזאָגט דער איבערזעצער, — אַזא ייִדישנ פאָטער-נאָמענ „איסאַיעוונא”?

— זונ מײַנער, — האָט זיכ פלוצלינג אָפּגערופנ דער גאַלעכ, — איסײַ איז ניט קיינ ייִדישער נאָמענ. בא אונדז אינ סאַנקט-פּעטערבורג שטייט דער איסאַקיעווער סאָבאָר. ס׳איז פונקט דאָס זעלבע.

צי האָט דער אַלטיטשקער גאַלעכ געזאָגט די דאָזיקע ווערטער, ווײַל ער איז שוינ געווענ אויסוועבאַטל, צי האָט ער ווירקלעכ געוואָלט העלפנ דער אומגליקלעכער פרוי—אַזוי צי אַזוי, נאָר זײַנ אומשולדיקע

באַמערקונג האָט אַרויסגערופֿן אַן אומדערוואַרטע רעאַקציע באַם אויספאָרשער. ווען דער איבערזעצער האָט אים איבערגעגעבן דעם גאַלעכס ווערטער, האָט זיך דער דײַטש מיטאַמאָל פֿעט צעלאַכט און אויסגעשריִען:

— נו, איז גוט, טאָ זאָלן זיי בײדע צוזאַמען פֿאָרן אין סאַנקט-פּעטערבורג, ווי הייסט עס בײַ זיי איצטער—לע-נין-גראַד—כאַ־כאַ-כאַ. אַ האָכצײַט-רײַזע — כאַ-כאַ-כאַ. נאָך דעם ייִדן וועט איר געוויס גוט זײַן מיט אַ גאַלעכ. מיר וועלן אײַך, פֿייגעלעך, באַגלייטן אַף אײַער האָכצײַט-רײַזע. אַדיע! מאָרגן וועלן מיר זיך זען גאַנצפֿרי.

דווירע איז געגאַנגען אַהיים צו איר אָרעמען ווינקל. די גאַס איז ווידער געווען פּוסט, ווי עמעצער וואָלט זי אויסגעטרייסלט ביזן דעק. אַף אַ טעלעגראַף-סלופּ איז געהאַנגען אַ מענטשלעכער קערפּער מיט אַן אויפֿשריפֿט: „איך האָב אַגיטירט קעגן די דײַטשן“. ווער ווייסט? עפּשער וועט זי מאָרגן אויך אַזוי פֿון דער הייך אַראָפּקוקן מיט טויטע אויגן אַף דער טויטער גאַס? ווארט נאָר, וואָס פֿאַר אַן אויפֿשריפֿט וועלן זיי צו מיר צוקלעפּן? — האָט זי געטראַכט קימאַט ווי האַליוצינירנדיק. — מיסטאַמע בלויז איין וואָרט „יודין“, און עפּשער? ניין... דײַטשן האָבן ליב פּינקטלעכקײַט און פֿײַערלעכקײַט. זיי וועלן אויפֿשרײַבן: „איך האָב אָפּגענאַרט די דײַטשישע מאַכט. איך האָב אויסבאַהאַלטן פֿון די דײַטשן מײַן פֿאַרשאָלטן ייִדיש בלוט“.

זי איז געגאַנגען מעכאַניש גאַס-אײַן, גאַס-אויס אַ דערשלאָגענע, אַ דערנידעריקטע. פֿאַרוואָס? — האָט זי געטראַכט מיט פֿאַרביטערונג, — פֿאַרוואָס קומט עס מיר אַזויפֿיל פּײַן?

זי האָט זיך געפֿילט עלנט און אומבאַהאָלפֿן. זי איז דאָך איינע, איינע אין דער גאַנצער שטאָט, איין לעבעדיקער מענטש פֿון איר פֿאָלק אין קראַסנאָדאַר.

דווירע האָט זיך ענדלעך דערשלעפּט מיטן קינד אַהיים. זי האָט זיך אוועקגעוואַלגערט אַ צעבראָכענע אַפֿן שטרויענעם זאַק, וואָס איז געלעגן אין ווינקל אַף דער הוילער ערד. סאָפּאָטשקע האָט זיך אויך געלייגט לעבן איר אַ שטילע, אַ פֿאַרטראַכטע. אויך איר קינדערש האַרץ איז געווען צונויפֿגעפּרעסט פֿון אַן אומפֿאַרשטענדלעכן ווייטעק. זיי האָבן זיך צוגעטוליעט איינע צו דער אַנדערער און, כאָטש ס'איז געווען העלער טאָג, זײַנען זיי דאָך בײדע מאָמענטאַל אײַנגעשלאָפֿן.

אויפֿגעכאַפּט האָט זיך דווירע פֿון אַ מאָדנע פּריקרע זשומען אינעם צימער. זי האָט ניט ווילנדיק אויפֿגעעפֿנט די אויגן. אין דער טיר איז געשטאַנען די אָנצייכנדיקע שוואַרצע אוודאָטיע פֿונעם פּיצוכט-פּונקט און האָט הויך געשנײַפּעט מיט אירע שוואַרצע ליפּן אַלץ אין איין אָטעם:



— ווי מע האָט זיך עס צעלייגט אינמיטן העלן טאָג! ייִדן האָבן שטענדיק ליב צו מאַכן זיך באַקוועם. נאַ, אויפֿגעכאַפּט זיך? אַ גוט-מאָרגן דיר, פּריצע! עס לעבט זיך דיר ניט שלעכט, ווי איך זע. אויב דו ווילסט, קען איך דיך מיט איין וואָרט אוועקשיקן אַף יענער וועלט, גיב נאָר אַהער, — איז זי מיטאַמאָל אַריבער אַף אַ קוויטש, — גיב מיר אָפּ דײַנע זאַכן, אַלץ, וואָס דו האָסט, — וועל איך שווײַגן. אויב ניט, — וועל איך מאַסערן. גיב, גיב אַלץ. ייִדן זײַנען שטענדיק רײַך. דער שוואַרציאָר נעמט זיי ניט.

פֿאַר איין טאָג איז עס שוין געווען אַ ביסל צופֿיל פֿאַר דווירען. זי האָט זיך לאַנגזאַם אויפֿגעהויבן פֿון איר אָרעמען געלעגער. אַ קליינינקע, אַ קײַלעכדיקע, אַ זשוואַווע איז זי האַסטיק צוגעשפּרונגען צו דער הויכער טרוקענער אוודאָטיע און האָט אָנגעהויבן זי טרייסלען מיט אַלע קויכעס:

— אַלטע צויג, מעכאַשייפֿע! מײַנע זאַכן האָט זיך דיר פֿאַרוואָלט? נאַ, באַטראַכט גוט, וואָס איך פֿאַרמאָג. עפּשער ווילסטו בעסער מײַן בלוט? נעם אַ מעסער, קוילע! דו מיינסט, אייביק וועלן דאָ זײַן די דײַטשן? וואָס האָסטו פֿון זיי, בעהיימע? אונדזערע וועלן זיך דאָך אומקערן, אונדזערע, די רויטע, און דאַן וועסטו ענטפֿערן פֿאַר מײַן בלוט, געדענק! נו, טאָ גיי זשע, גיי מאַסערן! איך האָב פֿאַר דיר קיין מוירע ניט. אַרויס, אַרויס, אַרויס פֿונדאַנען!

זי האָט אָנגעכאַפּט די הויכוויקסיקע אוודאָטיע פֿאַר די אַקסלען און אַרויסגעשלײַדערט זי פֿונעם צימער.

סאָפּאָטשקען האָט דער טומל ניט אויפֿגעוועקט. זי איז רויִק געשלאָפֿן. די הענטלעך זײַנען געווען צעשפּרייט מיט די דלאָניעס אַרויף נאָך גאָר ווי בײַ אַן אייפּעלע. דווירע האָט לאַנג געקוקט אַפֿן שלאָפֿנדיקן קינד, ביז איר בליק איז געפֿאַלן אַף אַ פֿאָשעט ליימענע קריגל ביז העלפֿט אָנגעפֿילט מיט מילך, וואָס איז געשטאַנען אַף דער ערד, עטוואָס אָפּגערוקט פֿון סאָפּאָטשקען. זי האָט מעכאַניש גענומען דאָס קריגל אין האַנט, אונטער דעם איז געלעגן אַ קליינע צעטעלע:

טײַערע ווערא איסאַיעוונאַ!

איר טאָרט דאָ מער ניט פֿאַרבלײַבן. אוודאָטיע רעדט וועגן אײַך גאַנצע טעג. אַנטלויפֿט, אויב דאָס לעבן איז אײַך ליב.

אײַער א. פּ.

הייסט עס, אַז אין דער צײַט, ווען זי איז געשלאָפֿן, איז דאָ געווען אַנאַטאָלי פּאָליוקאָס צוועלפֿיאָריק טעכטערל. אָט אַזוי פֿלעגט זי שטענדיק קומען אומבאַמערקט, שטיל און ציכטיק אָפּטאָן די שליכעס פֿון איר פֿאָטער און שטיל פֿאַרשווינדן.

פּאָליווקאָ, דער געוועזענער זאָווכאָז פונעמ פיצוכט-פונקט, פלעגט קימאט יעדנ טאָג צושיקנ דווירענ שפּײַז — א ביסל מילכ, א שטיקל פלייש, א פענעצ ברויט, אָדער אינ ערגסטנ פאל כאָטש א ביסל שאָלעכצ פונ קארטאָפל. זינט די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט, איז שאָלעכצ פונ קארטאָפל פארוואנדלט געוואָרנ אינ זייער א באטאמטנ מײַכל. ווו פלעגט פאָליווקאָ קריגנ פאר איר די שפּײַז, איז פאר דווירענ געווענ א סאָד. באזונדערס איז עס געווענ צו באוווּנדערנ דערפאר, וואָס פאָליווקאָס שטוב האָט ניט געהאט קיינ באלעבאָסטע. זײַנ ווײַב האָבנ די דײַטשנ דערשאָסנ פאר אנ אומפאָרזיכטיק וואָרט אינעמ ערשטנ טאָג פונ זייער ארײַנטרעטנ אינ קראסנאָדאר.

אכ, דאָס ביסל מילכ אינעמ פּאָשעטנ ערדענעמ קריגל! וואָס פאר א טאמ פונ פרײַנטשאפט עס פארמאָגט! דווירע האָט זיכ ווידער אויסגעצויגנ אפ דער ערד, ארומגענומענ דאָס קריגל מיט בײדע הענט, אָנגעשפארט אפ זײַנ ראנד דעמ קאָפ אונ לאנג, לאנג געוויינט. זי האָט געוויינט דאָס ערשטע מאָל פאר דער גאנצער צײַט פונ איר אומקערנ זיכ קיינ קראסנאָדאר.

דווירע האָט זיכ גוט אויסגעוויינט אונ דערנאָכ אופגעהויבנ זיכ פונ דער ערד א בארויקטע, ווידער אנ ענערגישע. די טרערנ האָבנ ווי אראָפּגעוואשנ די ביטערקײַט פונ איר נעשאָמע אונ קלאָרער געמאכט דעמ פארשטאנד. זי האָט זיכ שוינ ניט געפילט אזוי עלנט אונ פארלאָזט. דווירע האָט פעסט באשלאָסנ אינ דער געסטאפּאָ זיכ מער ניט צו ווײַזנ אונ פונ דער דירע אויכ באלד, די מינוט פארשווינדנ.

דווירע איז אוועק אפנ מארק אונ אופגעזוכט דאָרט נאסטיענ, מיט וועלכער זי האָט זיכ באקענט ערשט מיט עטלעכע וואָכנ צוריק. נאסטיעס מאנ, א קוואליפיצירטער מעטאליסט, האָט געארבעט אינ איינער פונ די גרויסע סאָוועטישע שטעט אפ א מיליטערישנ זאוואָד. זײַנ יונגע פרוי האָט אינ דער געפאנגענער שטאָט געהאנדלט מיט וואסער אפנ לײדיקנ מארק. אָנקומענ אפ אנ ארבעט פאר די דײַטשנ האָט זי בעשומיפנ ניט געוואָלט. אינ דער היימ פלעגט זי איבערלאָזנ אפ העפקער איינ קינד פונ 3 כאדאָשימ אונ א צווייט—פונ 3 יאָר. געוווינט האָט זי ווײַט הינטער דער שטאָט.

— נאסטיושא, — האָט געזאָגט דווירע, — מיר זײַנענ בײדע עלנט אונ אָרעמ, טאָ לאָמיר לעבנ צוזאמענ, וועט אונדז עפשער זײַנ גרינגער איבערצוקומענ די שווערע צײַטנ. לאָז מיכ נאָר ארײַנ צו זיכ, וועל איכ היטנ דײַנע קינדער, פונקט ווי מײַנ אייגנס. קיינ שומ ארבעט וועט מיר ניט זײַנ צו שווער. נאָר אײַנמעלדנ זיכ דארפ מענ ניט, — האָט זי שטיל צוגעגעבנ.



— גוט, מומע ווערע, קומט צו מיר. — האָט פּאָשעט געענטפערט נאסטיע.

דעמ זעלבנ טאָג נאָכ איז דווירע אריבער צו נאסטיענ. אינ שטאָט ארײַנ האָט זי זיכ שוינ מער ניט געוויזנ. אזוי האָט זי זיכ אויסגעבאהאלטנ, ביז... ביז זי האָט זיכ שוינ ניט געקאָנט באקלאָגנ אפ דער פוסטקײַט פונ די הימלענ. אינ הימל האָבנ זיכ באוויזנ סאָוועטישע עראָפלאנענ. אונ כאָטש די דאָזיקע עראָפלאנענ האָבנ געוואָרפנ בלעטלעכ, ווו מע האָט געוואָרנט די באפעלקערונג, אז א באָמבע שיידט ניט אונטער צווישנ א פײַנט אונ א פרײַנט, האָט זיכ קיינער פאר די באָמבעס ניט געהיט. מע איז געשטאנענ רעדלעכווײַז אפנ גאס, צוגעקוקט זיכ צו די לופט-שלאכטנ, הויכ אפ א קאָל ארויסגעזאָגט פארשיידענע האשאָרעס אונ אָפנ געפרייט זיכ. די פרייד פונ דערווארטונג איז געווענ שטארקער פונ דער שרעק פארנ טויט.

שרעקלעכ איז געווענ דאנ, ווענ קיינ באָמבעס זײַנענ ניט געפאלנ. דאנ זײַנענ די גאסנ געווענ פוסט, ווי אויסגעשטאָרבנ. פארנ פארלאָזנ די שטאָט האָבנ זיכ די דײַטשנ פארווײַלט, אונ ס'איז געווענ געפערלעכ צו ווײַזנ זיכ זיי אפ די אויגנ. דײַטשנ האָבנ געשאָסנ ווו אונ אינ וועמענ עס האָט זיכ געמאכט. זיי האָבנ געהארגעט מענטשנ אמאָל מיט א ספעציעלנ ציל, אמאָל פונ ווילדער צעיושעטקײַט, אמאָל סטאמ אזוי, פארווײַלנדיק זיכ.

אָט שטייט א יונגער דײַטשישער סאָלדאט אונ קנאקט זאָרגלאָז קאָרלעכ. פונדערווײַטנס שלײַכט זיכ דורכ מיט שנעלע דערשראָקענע טריט א מײדל פונ א יאָר פופצנ.

— רוס, נעמ קאָרלעכ, — שרײַט פרײלעכ דער דײַטש.

דאָס מײדל ווייסט, אז ס'איז א סויִנע, א כײַע, אז מע דארפ זיכ פונ אימ היטנ, נאָר זי איז הונגעריק אונ אינסטינקטיוו קערט זי אויס צו אימ איר בלײַכ אויסגעצערט פּאָנעמ. דער דײַטש שיסט איר אויס גלײַכ אינ מויל ארײַנ.

א קליינ ייִנגעלע יאָגט זיכ אינ גאס נאָכ א הינטל. א דײַטש שיסט, ס'איז ניט באוווּסט אינ וועמענ, אָבער די קויל טרעפט דאָס קינד.

דײַטשנ צינדנ אונטער הײַזער אונ שיסנ אינ די מענטשנ, וואָס שפּרינגענ דורכ די פענצטער. דײַטשנ זײַנענ פארצאָרנט, דײַטשנ מאכנ זיכ פרײלעכ.

ס'איז אָבער ענדלעכ געקומענ א נאכט, ווענ אינ שטאָט איז ארײַנ דער ערשטער סאָוועטישער אויסשפּיר-טייל, אונ פרי פארטאָג האָט דווירע דערהערט נאסטיעס פרײדיקנ אויסגעשריי:

— מומע ווערע, זעט נאָר, ווי זיי גייען, אונדזערע גרויע שינעלן!

זיי זיינען געגאַנגען אָן א שיר און אָן אן ענדע, פאַרשטויבטע, אויסגעמאַטערטע און ניט געקאָנט באַהאַלטן די שמייכלען אף די באַוואָקסענע פּנימער. ס'האָבן געשטערט צו באַוועגן זיך די גרויסע מענגעס מענטשן אף די גאַסן (פונוואַנען האָבן זיך גענומען אין דער טויטער שטאָט אַזויפיל מענטשן?). פרויען האָבן דערלאַנגט די רויט־אַרמייער ציטעריק אָפגעשפּאָרטע שפּייז, טאַבעק, פּאַפּיראָסן, נאָר די רויטאַרמייער האָבן גאָרניט געוואָלט נעמען און אַלע איינעם געענטפערט: „א דאַנק! מיר האָבן אַלץ, עסט אַליין!“ פון די ווענט און פאַרקאַנעס האָבן באַגריסט די זיגער פּאָשעטע אויפשריפטן, געשריבענע מיט בליייערס, מיט קרייד, מיט פאַרב; געשריבענע מיט ציטערדיקע פרייַנטלעכע הענט: „א דאַנק, כאַווערים! זייט געגריסט, רעטער אונדזערע!“

אין עטלעכע טעג אַרום איז בראָווקאָ, דער פאַרוואַלטער פונעם פינאָפּטייל פונעם קראַסנאָדאַרער וואָיענקאָמאַט, וווּ דווירע האָט א היפּשע צייט באַקומען געלט אף די אַטעסטאַטן פון אירע דריי זין, געגאַנגען איבער איינער פון די צענטראַלע גאַסן פון דער שטאָט. צו אים איז צוגעגאַנגען א פרוי אין אן אַלט געקעסטלט פאַרלאַטעט קליידל. זי האָט געפירט בא דער האַנט א בלאָנד־האָריק מיידעלע מיט א גרין פּענעמל, מיט גרויסע שוואַרצע רעדער אונטער די אויגן. דאָס קינד האָט אויסגעזען אַזוי, פונקט ווי ס'וואָלט שוין דורכגעלעבט א לאַנג שטורמיש לעבן.

—ווערא איסאַיעוונא!—האָט אויסגעשריִען בראָווקאָ,—דאָס זייט איר?

— יאָ. דאָס בין איך, — האָט געענטפערט דווירע, — און ווי איר זעט, לעב איך נאָך.

בראָווקאָ האָט זיך גוט איינגעקוקט אין דווירעס שטאַרק פאַרענדערט פּאָנעם און האָט מיט גרויסן ערנסט צעקושט זיך מיט איר דריי מאָל לויטן אַלטן רוסישן מינהעג.

אין א פּאָר שאָ אַרום האָט זיך דווירע געזעצט שרייבן א בריוו צו איר איידעם, צו סאָפּאָטשקעס פּאָטער אפן פראָנט. זי האָט זייער לאַנג געשריבן, ווייל דער בריוו האָט געהאַלטן 14 זייטן. זי האָט צוגעפּעליגט דאָס פּאַפּיר און אַרויסגעקוקט פאַרטראַכט דורכן פענצטער. ס'איז געווען א ליכטיקער, צעשפּילטער טאָג, און די גאַס איז פול געווען מיט גרויע שינעלן.

—★★★—



# הינט

עס זיינען געשטאַנען וויסטע האַרבסטיקע טעג. אין שטאָט איז ניט געווען קיין ליכט, קיין באַהייצונג, קיין וואַסער, קיין שפּייז. די טראַמוואַיען האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער שטאָט האָט פאַרפעלט אָטעם, און זי האָט זיך ווי דערוואָרגן מיט איר לעצטן געשריי. אירע פייַנע ברייטע גאַסן האָבן באַטראָטן דייטשישע שטיוול.

די שטאָט האָט געהונגערט. די ערשטע צייט האָט מען אף די מערק געביטן א פוטער אף א לאַבן ברויט, א קלייד — אף א פּאָר קאַרטאָפל. שפּעטער זיינען שוין קיין מערק אף צו בייטן אויך ניט געוואָרן. ס'איז אין דער שטאָט ניט געבליבן קיין סימען פון שפּייז. דאַן האָבן אָנגעהויבן פון פרי ביז שפּעט צו סקריפּען שליטנס אין די גאַסן. אף די שליטנס האָט מען געפירט געשטאָרבענע, אָן טרונעס, אָנגעטאָן אין די קליידער, אין וועלכע ס'האָט זיי געטראָפן דער טויט. די באַגלייטנדיקע זיינען געגאַנגען איינגעשפּאַנט אינעם שליטן, שטיל, אָן טרערן, קוים רירנדיק מיט די מידע פיס. פאַר דעם גרעסטן אומגליק האָבן זיי גערעכנט — באַגעגענען א דייטש. אַזא באַגעגעניש איז געווען א פאַרשווערונג פאַרן טויטן.

אף די ברייטע שטאָטישע גאַסן האָבן געסקריפּעט אויך די שליטלעך, מיט וועלכע איינגעהיקערטע אויסגעצערטע פרויען האָבן זיך געלאָזן אין די נאָענטע דערפער נאָך שפּייז. די עטלעכע קליידלעך, העמדער, האַנטעכער, וואָס זיי פלעגן מיטנעמען אף צו בייטן אין דאָרף, פלעגן זיי אַרומוויקלען אַרום קערפּער, אַרום די פיס, פאַרבאַהאַלטן אין די בוזעמס, קעדיי די דייטשן זאָלן עס בא זיי ניט אָפּנעמען. אין וועג פלעגן זיך לאָזן שכיינעס פון עטלעכע הויפן מיטאַמאָל. ס'איז זיי געווען היימלעכער אַלע צוזאַמען. די פּראָצעסיעס מיט די ליידיקע שליטלעך האָבן אויך געמאַכט אַן איינדרוק פון לעווייַעס. ס'האָט אויסגעזען, ווי מע וואָלט די באַרמינענס פון די שליטנס ערגעץ אין וועג פאַרלאָרן און איצט קערן זיך אום די דערשלאָגענע קרויוים מיט ליידיקן.

צוריק האָבן זיך די פרויען באַמיט אומצוקערן אינדערפינצטער, שטילערהייט. זיי זיינען געווען גרייט גיכער אָפּצוגעבן זייער לעבן,

אײדער די מאָגערע זעקלעך אפ די שליטלעך. די זעקלעך האָבנ געזיכערט אפ א ביסל צײַט דאָס לעבנ פאר זײערע קינדער.

פונ אָט דער אוקראַיִנישער שטאָט האָט זיכ געצויגנ אפ הונדערטער קילאָמעטערס א ברײטער אספאלטירטער שאָסײ. איבער דעמ דאָזיקנ שאָסײ האָבנ רעכט געהאט צו באַװעגנ זיכ בלויז דײַטשנ. די אויסגעצערטע פרויענ האָבנ געפירט זײערע שליטלעכ איבער דער האַרטער פארפראָרענער ערד. זײ זײַנענ אָפט געפאלנ אינ די שנײהורבעס, אופגעהויבנ זיכ און געגאנגענ װײַטער, אויסדרײענדיק זיכ די פיס איבער דעמ װינטערדיקנ געפאלדעװעטנ װעג. זײ זײַנענ געגאנגענ פינקטלעכ, לויטנ געזעצ.

מיט יעדער װאָכ, מיט יעדנ טאָג איז דער מארשרוט פונ די פרויענ געװאָרנ אלצ שװערער און װײַטער פונ דער שטאָט. אינ די ארומיקע דערפער האָט מענ שוינ גאָרנישט געקאָנט קריגנ. די דאָרפישע קינדער האָבנ געקוקט אפ די געקומענע מיט הונגעריקע פרעגנדיקע אויגנ — עפשער האָבנ די פרעמדע עפעס געבראכט פונ זײערטװעגנ. איצט איז שוינ אויסגעקומענ צו לאָזנ זיכ אינ װעג נאָכ א ביסל מעל אָדער קארטאָפל אפ 150—200 קילאָמעטערס, פאר הונגעריקע מאמעס איז עס געװענ צו װײַט. די פאסאזשיר-באַװעגונג פאר דער באפעלקערונג איז אָפגעשאפט געװאָרנ באלד, װי די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט.

דאנ האָבנ הונגעריקע מאמעס, שכײנעס פונ גאנצע קװארטאלנ גענומענ גײנ מאכנעסװײַז אפ דער װײַטער פראכט-סטאנציע. קײנ שליטלעכ האָבנ זײ שוינ נאָכ זיכ ניט געשלעפט, װײַל צופוס האָט מענ שוינ אלצײנס ניט געהאט װוהינ צו גײנ, און דער װינטער האָט זיכ דאָ אויכ קײנמאָל לאנג ניט געהאלטנ. אינ די לאנגע פראכט-צוגנ האָט זיכ אמאָל געמאכט א לײדיקער װאגאָנ. די גאנצע פרויענ-מאכנע פלעגט זיכ אהינ מיט אימפעט א לאָז טאָנ. דײַטשנ האָבנ געשאסנ יעדעס מאָל אינ די לויפנדיקע פרויענ. א טײל פונ זײ פלעגט זיכ דאָכ אײַנגעבנ ארײַנצוכאפנ זיכ אינ װאגאָנ. אינ דער לעצטער מינוט פארנ אָפגאנג פונעמ צוג פלעגנ נאָכ עטלעכע פרויענ זיכ אראָפקײַקלענ פונ די אָפענע פלאטפאָרמעס. דער צוג פלעגט זיכ רירנ פונ אָרט אינ דער פינקטלעכ אָנגעמערקטער צײַט און רויִק דורכשלעפנ זײַנ גאנצנ לאנגנ װאגאָנעס-באשטאנד איבער זײערע קערפערס.

דער הונגער איז אינ דער שטאָט געװאקסנ, און דערפאר זײַנענ געװאקסנ אויכ די פרויענ-מאכנעס, װאָס האָבנ געזוכט שפײַז. פארלאָזנדיק די הײמ, האָט מענ זיכ געזעגנט מיט די קינדער, פאר װעלכע מע האָט געשטעלט דאָס לעבנ אינ קאָנ און מע איז געװענ שװײַ-



גענדיק און אנטשײדנ, װי פאר א געפערלעכער שלאכט, דערצו נאָכ מיטנ פולנ באַװוסטזײַנ פונ דער אײגענער אומבאַװאָפנטקײַט.

די הונגעריקע פרויענ-מאכנעס פלעגנ אָפט דורכגײנ פארבײַ דעמ הויז, װו ס׳האָט זיכ שוינ היפשע עטלעכע כאָדאָשימ אויסגעבאהאלטנ בא רוסישע פרײַנט די דאָקטערנ כאנע בערלינ. זי האָט טרויעריק ארויסגעקוקט דורכנ בוידעמ-פענצטערל אפ דער גאס און שטארק מעקאנע געװענ די פרויענ, װעלכע ס׳פארבינדט אײנ געמײנזאמער אומגליק. זי האָט שוינ מער ניט געקאָנט טראָגנ אפ זיכ אלײנ איר אײגענעמ בראָכ. דאָס גאנצע לעבנ איז איר געװאָרנ איבערדריסיק און שװער. זי האָט זיכ געפילט שרעקלעכ דערנידעריקט יעדעס מאָל, װענ איר איז אויסגעקומענ ארײַנצושטופנ איר יונגנ, שלאנקנ קערפער אינ יעדער שמוציקער לאָכ, װענ זי פלעגט זיצנ צונויפגעדרײט אינדרײַענ פונ קעלט אפ קופעס מיסט, אנ אײַנגעדעקטע מיט שמוציקע זעק, בײַז װי א טײַװל. זי האָט זיכ געפילט שולדיק פאר אירע פרײַנט, װענ זי פלעגט זענ, װי עס װערנ בלאס און אויסגעצויגנ זײערע פנימער בא יעדנ קלאפ אינ טיר. זי האָט מער ניט געװאָלט זײַנ קײנעמ צו לאסט און פירנ װײַטער דאָס פוסטע האָפנונגסלאָזע לעבנ. ביסלעכװײַז איז בא כאנענ רײַפ געװאָרנ א פארשײַטער געפערלעכער פלאנ — ארײַנצודרײענ זיכ צװישנ די פרויענ און מיט זײ צוזאמענ פארלאָזנ די שטאָט, ארויסרײַסנ זיכ פונ דער נימעסער שטײַג, קעדײ מער אהער ניט אומצוקערנ זיכ.

סאָפקאָלסאָפ איז געקומענ א טאָג, װענ כאנע בערלינ האָט געשפאנט צוזאמענ מיט נאָכ פיל פרויענ איבער די שטאָטישע גאסנ צו דער סטאנציע. זי איז געװענ ארומגעװיקלט מיט א גרויסער טוכ, אזוי אז איר פאָנעמ האָט זיכ קימאט װי ניט ארויסגעזענ. אונטער דער טוכ האָט זי פעסט געדריקט צומ הארצנ א רוסישנ נאהאנ, אנ אײַנגעװיקלטנ אינ א געשטריקטנ קאָפטל. מיט דעמ נאהאנ האָט זי זיכ ניט געשײדט אפ קײנ אײנ מאָמענט. זינט די דײַטשנ האָבנ פארנומענ די שטאָט, איז ער בא איר שטענדיק געװענ אָנגעלאָדנ.

די פרויענ זײַנענ געגאנגענ אלצ פאָרויס, אָנגעטאָנ אינ טונקעלע קלײדער, מאָגערע, אויסגעטריקנטע, מיט ערנסטע פינצטערע פנימער. זײ האָבנ זיכ דערנעענטערט צו דער סטאנציע. זײ האָבנ זיכ געלאָזנ לויפנ צו א פיסטנ װאגאָנ. פלוצלינג זײַנענ זײ געבליבנ שטײנ פארלאָרענע, דריקנדיק זיכ אײנע צו די אנדערע. עטלעכע אויסגערוטע, גוט אויסגעפאשעטע דײַטשנ זײַנענ געשטאנענ אָנ א זײַט, געקוקט אפ די פרויענ און רויִק געשמועסט צװישנ זיכ. אײנער פונ זײ האָט געלאכט. די רויִקײַט פונ די דײַטשנ האָט אָנגעװאָרפנ אפ די פרויענ

א גוואלדיקנ פאכעד. זיי האָבנ זיך דערשראָקנ פאַר דעמ, וואָס מע האָט אינ זיי ניט געשאָסנ. די פינצטערניש פונעמ פוסטנ וואגאָנ, וואָס האָט ארויסגעקוקט פונ די פאנאנדערגעפראלטע טירנ, האָט ווי פארטײַעט אינ זיך א נײַעמ, ניט געזעענעמ אומגליק. די פרויענ האָבנ געקוקט איינע אפ די אנדערע מיט ברייט פאנאנדערגעעפנטע פוסטע אויגנ. אינ איינ מאָמענט איז די גאנצע מאכנע געווענ גרייט לויפנ צוריק. דאנ האָט כאנע די ערשטע א ריס געטאָנ זיך פונ אָרט אונ געלאָזנ זיך צומ וואגאָנ. אלע פרויענ האָבנ שוינ איצט אָנ אָטעמ, ארומגעכאפטע פונ א ווילדער שרעק, געטראָגנ זיך נאָכ איר. כאנע איז די ערשטע ארײַנגעשפרונגענ אינ וואגאָנ אונ א מידע, אנ אויסגעשעפטע פונ דער איבערגעלעבטער אופרעגונג, האָט זי זיך פארשלאָגנ אינעמ סאמע ווײַטנ ווינקל אונ א שלײַדער געטאָנ זיך אפ דער ערד. די פרויענ האָבנ שנעל געקלעטערט אינ וואגאָנ. די, וואָס האָבנ זיך שוינ ארופגעכאפט, האָבנ אויסגעשטרעקט די הענט אונ געצויגנ צו זיך די איבעריקע. עס האָבנ ארײַנגעקלעטערט אלע, ביז איינער.

די פרויענ האָבנ זיך שטיל צעזעצט אפ דער ערד. אלע האָבנ שווער געעטעמט. מע האָט זיך אָנגעהויבנ צו בארויִקנ. מע האָט גענומענ שטיל שמועסנ צווישנ זיך.

— ס'האָט אונדז הײַנט אָפּגעגליקט... ווילע דײַטשנ... — האָט אָנגעהויבנ אנ עלטערע פרוי, — אָט, יענע וואָכ...

די פרוי האָט ניט באוויזנ צו ענדיקנ איר פראזע, ווי באמ ארײַנגאנג אינ וואגאָנ האָבנ זיך באוויזנ שארפע מאָרדעס פונ דײַטשישע אויסשפיר-הינט. די הינט זײַנענ ארײַנגעשפרונגענ אינ וואגאָנ, אונ נאָכ זיי האָט זיך אופגעהויבנ אפ א ספעציִעל צוגעשטעלטנ לייטערל א דײַטשישער אָפיצער.

אינ וואגאָנ איז שטיל געוואָרנ. די פרויענ האָבנ ווי פארשטיינערטע געקוקט אפנ אָפיצער מיט זײַנע הינט.

„דאכט זיך, אז אָט דער האָט עס פריִער געלאכט. אונ עפשער ניט דער... ס'איז אלצײנס...״ — האָט זיך דורכגעטראָגנ בא כאנענ אינ מויעכ.

דער דײַטש האָט רויִק אונ קאלט באטראכט די דערשראָקענע פרויענ. ער איז געשטאנענ עטלעכע רעגעס אינ א גאלאנטער פּאָזע אונ דערנאָכ האָט ער מיט א פעסטנ טאָנ, אָבער ניט אופהייבנדיק די שטימ, עפעס פאראָרדנט זײַנע פײַנ-אויסגעהאָדעוועטע, געהאָרכזאמע הינט. איידער די פרויענ האָבנ באוויזנ ארויסצולאָזנ א געשריי, האָבנ זיך די הינט אפ זיי א וואָרפ געטאָנ.



כאנע האָט דערפילט אנ אָפּטויטנדיקע שוואכקײַט אינ אלע גלידער, וואָס איז באלד פארביטנ געוואָרנ אפ אנ אומנאטירלעכער רויִקײַט אונ ניכטערקײַט פונ געדאנק. זי האָט שנעל ארויסגעצויגנ דעמ לאנג אָפּגעהיטענעמ, אָנגעלאָדענעמ רעוואָלווער אונ אויסגעשאָסנ דעמ אָפיצער גלײַכ אינ שטערנ ארײַנ, עטוואָס העכער פונ די הינטיש-צערייצטע אויגנ. כאנע האָט נאָכ באוויזנ צו באמערקנ, ווי ער איז אומגעפאלנ. אינ דעמ זעלבנ אויגנבליק איז איר רעכטע האנט אונ איר פרישער מיידלשער האלדז פארפרעסט געוואָרנ צווישנ הינטישע ציינ.

הינט האָבנ געריסנ מענטשלעכע לײַבער אפ שטיקער. פרויענ האָבנ געשריִענ אונ גערופנ נאָכ הילפ מיט לעצטע גסיסעדיקע איימע-געשרייענ. צומ וואגאָנ זײַנענ געלאָפנ דײַטשנ, ליבהאָבער פונ פארווײַלונגענ. צווישנ די צעריסענע פרויענ-קערפערס האָט זיך געוואלגערט אויכ דער קערפער פונ זייער אָפיצער.

די דײַטשנ האָבנ מער ניט געלאכט.

—★★★—

# באמ ברונעמ

זי האָט פארלאָזנ דאָס דאָרפ מיטוואָכ פארטאָג. זי איז געגאנגענ אינ שכיינעסדיקנ ייִשעוו האלטנ זיכ אנ אייצע, ווענ אונ וויאזוי מע זאָל זיכ לאָזנ אינ וועג. צוויי אזייגער באטאָג איז דער אלטער ייִדישער ייִשעוו פול געוואָרנ מיט סרייפע-פײַערנ, מיט קרעכצנ אונ געוויינענ. עס האָבנ זיכ באוויזנ דײַטשישע אעראָפלאנענ. מענטשנ האָבנ געוואָרפנ זייער האָב-אונ-גוטס אונ זײַנענ ווי צעמישטע געלאָפנ, אליינ ניט ווייסנדיק וווהינ. זי איז אינערגעצ ניט געלאָפנ. זי האָט פאראקשנט אויסגעווארט, ביז מע וועט זיכ קאָנענ אומקערנ אהיימ. דאָרטנ האָט זי איבערגעלאָזט איר מאנ, איר טאָכטער אונ א דרײַיאָריק אייניקל.

דאָנערשטיק, ווי נאָר ס'האָט אָנגעהויבנ טאָגנ, האָט זי זיכ געלאָזנ צוריק אהיימ. נעכטנ נאָכ איז צו איר דערגאנגענ א קלאנג, אז זייער דאָרפ איז פארנומענ פונ די דײַטשנ. נאָר אלצייינס, זי איז געלאָפנ אהיימ מיט באקאנטע וועגנ, אונ פאָרויס איז געלאָפנ דער אומגליק. זי האָט געוווסט, אז זי האָט שוינ מער ניט קיינ פאמיליע אונ קיינ היימ. זי האָט זיכ דערנעענטערט צומ דאָרפ אונ האָט עס ניט דערקענט. פונ אלע הײַזער זײַנענ געבליבנ בלויז קופעס אש, אונ אומעטומ האָבנ זיכ געוואלגערט הארוגימ. צווישנ די טויטע האָט זיכ איר געוואָרפנ אינ די אויגנ א באקאנט בערדל אונ א פיל מאָל געזעענס געקווייטלט טיכל. זי האָט פארמאכט די אויגנ. זי האָט גאָרנישט געוואָלט זענ אונ גאָרנישט געוואָלט וויסנ. זי איז געגאנגענ אהיימ.

לעבנ אנ אײַנגעפאלענער כאטע איז געשטאנענ א פויער.

— פונוואנענ גייסטו עס, אבראמאָווא? — האָט ער זיכ צו איר אָנגערופנ. — א כוואָראָבע אפ זיי. זע נאָר, וואָס זיי האָבנ עס א ביסל אָפגעטאָנ פאר א קארגנ מעס'עס. אונ אינ דאָרפ איז איצט סטאמ קיינער ניטאָ, ניט זייערע, ניט אונדזערע.

זי האָט גאָרנישט געענטפערט אונ געגאנגענ ווײַטער. איר פײַנ שטיבל מיטנ שטאל, מיטנ ברונעמ אפנ הויפ איז געשטאנענ גאָר באזונדער, א 2—3 ווערסט פונעמ דאָרפ אפ א בערגל. דאָס ערשטע, וואָס זי האָט דערזענ פונדערווײַטנס, איז געווענ דער אינ דער הייכ



אויסגעצויגענער ברונעמ-שטאנג. זי איז געגאנגענ פאָרויס, ניט אראָפנעמענדיק פונ אימ די אויגנ. ס'האָט זיכ איר אָנגעהויבנ דוכטנ, אז דער עמער אפנ ברונעמ וואקסט, ווערט געשוואָלנ, ציט זיכ פאנאנדער אינ דער לענג אונ אינ דער ברייט, אונ ביכלאל איז עס שוינ גאָר ניט ענלעכ אפ קיינ עמער.

ניינ, מער וועט זי אפנ ברונעמ ניט קוקנ. דאָס מאכט זי מיד. עס פארלאנגזאמט איר טראָט. אָט זעט זיכ שוינ איר הויפ אונ איר שטיבל, דאָס איינציקע גאנצ געבליבענע שטיבל.

פונעמ הויפ האָט זיכ צו איר דערטראָגנ דאָס וואָיענ פונ א הונט—דאנ האָט זיכ בא איר דאָס הארצ אפ א ווײַלע אָפגעשטעלט אונ דערנאָכ האָט עס אָנגעהויבנ מעשונעדיק קלאפנ אונ רײַסנ זיכ פונ דער ברוסט. זי איז ארײַנגעלאָפנ אינ הויפ.

אפנ שטאנג פונעמ ברונעמ איז געהאנגענ איר יויסעפ. זײַנ באָרד איז האכנאָעדיק געלעגנ אפ זײַנ ברוסט. די אראָפגעלאָזענע אקסלענ אונ די מאכטלאָזע אראָפהענגענדיקע הענט האָבנ אויסגעדריקט דעמ טיפסטנ ייִעש: אז וואָס קאָנ איכ שוינ דאָ העלפנ? צומ צווייטנ עק פונעמ שטאנג איז געווענ צוגעבונדנ א שטיינ, קעדיי דער קערפער זאָל זיכ ניט אראָפלאָזנ.

אפ דער ערד לעבנ ברונעמ איז געלעגנ איר טאָכטער, די פינפ-אונ-צוואנציק-יאָריקע ביילקע. די אויגנ זײַנענ בא איר געווענ אויסגעשטאָכנ. זי איז געלעגנ אפנ רוקנ אונ געקוקט מיט די פוסטע אויגנ-לעכער גלײַכ אינ הימל ארײַנ. לעבנ איר איז געזעסנ אפ די הינטערשטע לאפעס זייער אלטער הונט אונ האָט יאָמערלעכ געוואָיעט, פארײַסנדיק אינ דער הייכ די מאָרדע.

בא דער וואנט פונעמ הויז איז געלעגנ די גרויסע הילצערנע קאדקע, אינ וועלכער די אלטע כײַע-עסטער פלעגט געוויינלעכ אײַנזאלצנ פלייש אפנ גאנצנ ווינטער. מיטוואָכ פארטאָג, ווענ זי האָט פארלאָזנ די היימ, איז די קאדקע געווענ אָנגעפילט מיט וואסער. איצט איז זי געלעגנ אפ א זײַט אונ צוזאמענ מיטנ וואסער איז פונ איר ארויסגעשווומענ דער קליינער עליקל. זײַנ קערפערל איז געווענ געשוואָלנ אונ בלוי.

כײַע-עסטער, די ווּקסיקע קרעפטיקע ייִדענע, די בעסטע מעלקערנ אינ קאָלווירט, האָט זיכ מיטאמאָל דערפילט שוואכ אונ אלט, זייער אלט. ס'האָט זיר קוימ געסטײַעט קויעכ אופצוהייבנ דעמ קליינעמ עליקל אונ אוועקלייגנ אימ לעבנ זײַנ מוטער. כײַע-עסטער האָט מיט מוטנע פארגאָסענע אויגנ באטראכט אירע טײַערע הארוגימ. זי האָט

פארבראָכנ די הענט און גענומענ באקלאָגנ זיי הויכ אפ א קאָל, מיט א ניגנ, אפנ אלטנ ייִדישנ שטייגער.

— יויסעפ, מײַנ טרײַער מאנ,—האָט זי געטײַנעט,—צי געדענקסטו, יויסעפ, וואָס ס'האָט געזאָגט דײַנ טאטע צו אונדזער כאסענע. „נאט אײַכ, קינדערלעכ, — האָט ער געזאָגט, — נאט אײַכ אָט די כאטע און זאָל זי פאר אײַכ זײַנ א גוטע נעסט און זאָלנ זיכ אינ איר מערנ און פרוכפערנ די פייגעלעכ און זאָל זײַנ אינ איר ווארעמ און גוט". און נאָכ האָט אונדז געזאָגט דער טאטע דײַנער: „ווארט ניט אפ קיינ ניסימ, קינדערלעכ! א מענטש דארפ פארגיסנ זײַנ שווייס און דאנ קומט צו אימ די שעפע און זעט". און מיר האָבנ געהאָרעוועט, יויסעפקע, מיט שווערער מי האָבנ מיר געשאפנ אונדזער גליק. איז וואָס איז געוואָרנ פונ אונדזער נעסט, יויסעפקע? די נעסט איז דאָ, נאָר די פייגעלעכ זײַנענ ניטאָ.

— טאָכטער, טאָכטער. — האָט זי ווײַטער געטײַנעט, — צי ווייסטו, אז לעבנ דיר ליגט דײַנ אייפעלע א געשוואָלנס, צי האָבנ נאָכ דײַנע ליכטיקע אויגנ, וואָס האָבנ געגלאנצט, ווי די דימענטנ, געזענ, ווי מע האָט אימ געטרונקענ, אָדער זיי האָבנ זיכ פריִער פארמאכט?

און אפ וועמענ האָט איר מיכ איבערגעלאָזט, מײַנע טײַערע, און פאר וועמענ זאָל איכ זיכ באקלאָגנ, אז מײַנע זינ זײַנענ ווײַט פונ מיר און מײַנ עלטסטער וועט שוינ צו מיר קיינמאָל ניט קומענ. און מיר, דער אלטער כײַע-עסטער, איז באשערט אײַכ אלעמענ איינינעם צו באקלאָגנ. אײַ, זונ מײַנער, שאָלעמקע, מײַנ אויג אינ קאָפ, דאָס ערשטע פייגעלע, וואָס איז ארויסגעפלויגנ פונ מײַנ נעסט. דײַנע הענט און פיס האָבנ זיכ געוואלגערט אינ פוכטנ פעלד און צו קווורע ביסטו געקומענ ווײַט פונ דער היימ, אינ דער פרעמד, און דײַנ מאמע האָט דיכ ניט געזענ אינ דײַנ לעצטער שאָ... און דו זעסט ניט איר פײַנ...

אָט אזוי האָט געטײַנעט די אלטע כײַע-עסטער, זיצנדיק א צונויפגעהויקערטע אפ דער ערד, באמ ברונעמ. זי האָט געטײַנעט וואָס ווײַטער אלצ שטילער. איר שטימ איז געוואָרנ אלצ הייזעריקער. דער היימישער הונט איז שוינ איצט געלעגנ לעבנ איר, געקוקט איר טרײַ אינ די אויגנ ארײַנ און געלעקט אירע הענט.

כײַע-עסטער האָט זיכ דערפילט זייער מיד, זי האָט אראָפגעלאָזנ דעמ קאָפ, און אינ האלבנ דרימל האָט זי דערזענ לעבנ זיכ איר מיזיניק אזריִעלקענ, און א ווארעמקײַט האָט פארפלייצט איר הארצ. ער איז דאָכ נאָכ גאָר א קינד, אזריִעלקע, — האָט עפעס אינ איר א שמייכל געטאָנ. אינ איר פארמאטערטנ דרימלענדיקנ מויעכ האָבנ זיכ אָנגעהויבנ וועבנ איינס נאָכ איינס ווערטער פונ אזריִעלקעס לעצטנ



בריוו. די ווערטער האָבנ זי ווייטעקלעכ געוואָרעמט, און זי האָט זיי אינערלעכ ארויסגעזונגענ אפנ זעלבנ אויפנ, ווי זי האָט אָט דאָ ערשט באקלאָגט אירע ליבע.

„טײַערע מאמע,—האָט געשריבנ אזריִעלקע,—מיר האָבנ ניט לאנג אונטערגעשאָסנ א דײַטשישנ סאמאָליאָט. דער סאמאָליאָט האָט זיכ אָנגעצונדנ. פונ אימ איז ארויסגעפאלנ דער פליִער. זײַנ קאָפ איז אָפגעשפרונגענ אינ א זײַט. דאָס איז געווענ א יונגער, שיינער בלאָנדער קאָפ, מאמע, נאָר איכ האָב אפ אימ קיינ האָר ראכמאָנעס ניט געהאט. איכ האָב געדענקט, אז אזעלכע, ווי ער, ווארפנ באָמבעס אפ פרויענ און קינדער, וועלכע לויפנ הוילע, נאקעטע אפ די וועגנ. כ'האָב געטראכט וועגנ אײַכ, מײַנע טײַערע, כ'האָב מוירע געהאט, אז אזא מינ בלאָנדער זאָל אויכ אײַכ ניט אָנטאָנ קיינ שאָדנ, און איכ האָב אימ געהאסט, אוי, דאָב איכ אימ געהאסט, כאָטש עס איז שוינ געווענ ניט מער, ווי א טויטער קאָפ".

כײַע-עסטער האָט אויפגעציטערט. זי האָט אָפגעטרייסלט פונ זיכ דעמ דרימל און ס'האָט זי א ציִ געטאָנ אינ שטוב ארײַנ. ס'האָט זיכ איר פארוואָלט א קוק טאָנ אפ דער פאָטאָגראפיע פונ אזריִעלקענ און אויסטײַנענ זיכ אויכ פאר אימ, פארנ אייִנציקנ לעבעדיקנ גליד פונ איר קערפער, דערציילנ אימ פונ אלצ, פונ אלצ... זאָל ער וויסנ...

זי האָט זיכ אויפגעהויבנ פונ אָרט און איז מיט די שווער געוואָרענע, אָנגעגאָסענע פיס ארופגעשטיגנ אפ די דרײַ טרעפלעכ פונעמ גאנעקל. די טיר איז געווענ פאנאנדערגעפראלעט. די צוויי גרויסע פויערשע קערב זײַנענ געווענ אויסגעליידיקט. די בענקלעכ און דער טיש זײַנענ געווענ איבערגעקערט, און אנ דיל האָבנ זיכ געוואלגערט צעבראָכענע טעלער מיט רעשטנ פונ שפײַז, פלעשער פונ בראנפנ און ווײַנ.

זי איז ארײַנ אינ דער טאָכטערס צימער, און דאָ האָט זיכ אירע איבעראשטע אויגנ פארגעשטעלט גאָר אנ אומדערווארט בילד. אינ ציכטיקנ ניקלנעמ קינדערשנ בעטל איז געלעגנ א דײַטש. זײַנע פיס זײַנענ אראָפגעהאנגענ פונעמ בעטל אפ דער ערד. ער איז געווענ טויט-שיקער און איז געשמאק געשלאָפנ.

כײַע-עסטער האָט א ווײַלע געקוקט אפנ דײַטש און זי האָט זיכ מיטאמאָל דערפילט יונג און געזונט, ווי אינ יענע יאָרנ, ווענ אלע באָכערימ פונעמ ייִשעוו זײַנענ געווענ אינ איר פארליבט, ווי דאנ, ווענ זי האָט אנ אוריאדניק אראָפגעלאָזנ אזא פאטש אינ באק, אז ער איז שיִר ניט אומגעפאלנ פונ די פיס. זי איז שטיל ארויס פונ צימער און האָט זיכ אומגעקערט מיט א האק אינ די הענט. זי האָט

זיך נאָכאַמאָל אײַנגעקוקט אינעם רויטן שיקערן פּאָנעם און האָט ארויסגעשעפּטשעט, ווי א טפילע: „אזריִעלקע, מײַן קינד, העלף מיר!" זי האָט פארהויבן הויך די פעסטע הענט און האָט מיט האסט אראָפּגעלאָזן די האק. דער שווערער קערפּער פונעם דײַטש האָט זיך לאנגזאם אראָפּגעגליטשט אף דער ערד. דער געלער קאָפּ האָט אונטערגעשפרונגען און איז געבליבן ליגן אפן ווײַסן קינדערשן קישעלע. כײַעסטער האָט גענומען דעם קאָפּ אין די הענט און איז ארויסגעגאנגען פארן טויער. פונווײַטן האָט זיך געהערט א טופּען פון פערד, ס'האָט זיך באוויזן א רויטארמייִשער רײַטער-טייל. זי האָט געווארט מיטן קאָפּ אין די הענט ביז די רײַטער זײַנען צוגעפאָרן צום טויער. דאן איז זי צוגעגאנגען צום קאָמאנדיר און געזאָגט:

— כאוועד קאָמאנדיר, נעמט מיך צו צו זיך, שיקט מיך צו די פארטיזאנער, אָדער ווּהין איר ווילט. איך וועל זיי טרײַ דינען. אָט איז אן אופגאָב, — האָט זי געוויזן אפן געלן אָפּגעהאקטן קאָפּ. דערנאָך האָט זי צוגעגעבן שטילער: — אויסער אײַך האָב איך דאָ קיינעם ניט, קיינעם ניט. נעמט מיך צו פונדאנען. לאָזט מיך ניט איבער באם ברונעם.

——★☆★——



# דאָס צווייטע קינד

א פרוי איז געגאנגען פון ווילנע. אף די הענט האָט זי געטראָגן א קליין קינד. בא דער זײַט איז איר נאָכגעגאנגען א ייִנגעלע פון א יאָר פינף. פון ביידע זײַטן וועג האָט זיך געצויגן א געדיכטער וואלד. די פרוי איז געגאנגען שנעל, גלײַך מיטן וועג, ניט אומקוקנדיק זיך אף די צעבראָכענע איבערגעקערטע מאשינעס און וועגענער, אף די טשעמאָדאנעס, געפּאקטע מיט קליידער און שיך, וואָס האָבן זיך געוואלגערט אונטער די פיס, און אפילע אף די טויטע מענטשלעכע קערפּערס.

די פרוי האָט פּלוצעם דערהערט הינטער זיך א רויש פון א מאשין. זי איז מעכאניש אָפּגעגאנגען צו דער רעכטער זײַט וועג. די מאשין האָט זיך אָפּגעשטעלט, און א מענער-שטים האָט ארויסגעשריִען: „Halt!“ דאן האָט זי זיך דערשראָקן אומגעקוקט. פון דער מאשין איז פלינק אראָפּגעשפּרונגען א דײַטש, א קליינוואוקסיקער, א דארער, מיט א בלייכן פּאָנעם און ארויסגעקרימט מויל. ער איז צוגעגאנגען צו דער פרוי, ארײַנגעקוקט איר גלײַך אין פּאָנעם ארײַן און געפרעגט: „איינ יודין?" איידער זי האָט באוויזן צו ענטפערן, האָט ער מיט זײַן באגנעט דורכגעשטאָכן אף דורך און דורך דאָס קינד אף אירע הענט, פריילעך א דריי געטאָן דעם באגנעט מיטן קינד אינדערלופטן און א שלײַדער געטאָן עס ווײַט פון זיך, צום וואלד. נאָכדעם איז ער פלינק, ווי פריִער, ארופגעשפרונגען אף דער מאשין, וואָס איז באלד פארשוווּנדן געוואָרן פון די אויגן.

די שווערע פוסטקײַט פון די הענט האָט צוגעדריקט די פרוי צו דער ערד. זי איז געשטאנען און געקוקט ווילד ארום זיך. אין עטלעכע רעגעס ארום האָט זי ארויסגעלאָזן א טויבן קרעכץ און א וואָרף געטאָן זיך צום וואלד. זי האָט אופגעהויבן איר קינד, אוועקגעלייגט עס אין שויס, לאנג געקושט די אייגעלעך, דאָס נעזעלע, די הענטעלעך, געשפּיגלט זיך אין דעם און אָנגערופן עס מיט די צערטלעכסטע נעמען. דערנאָך האָט זי אופגעהויבן א שטעקן און גענומען גראָבן מיט דעם די ערד. דער פינפיאָריקער מוליק איז געשטאנען

לעבנ זײַנ מאמענ א דערשראָקענער אונ א פארווּנדערטער, ניט קענענדיק באגרײַפנ, וואָס דאָ איז אזוי שנעל פאָרגעקומענ. ער האָט אליינ געזענ מיט זײַנע אויגנ, וויאזוי די מאמע האָט ארײַנגעלייגט זײַנ ברודערל אינעמ ערדענעמ בעטעלע אונ באשאָטנ פונ אויבנ מיט זאמד. דערנאָכ האָט זיכ די מאמע אוועקגעזעצט אפ דער ערד אונ גענומענ קוקנ גלײַכ פאר זיכ.

אינ וואלד איז געוואָרנ פינצטער. ערגעצ ניט ווײַט האָבנ זיכ געריסנ סנאריאדנ. דער הימל צווישנ די ביימער איז אָפט באלויכטנ געוואָרנ מיט טאנצנדיקע פײַערנ, אונ מוליקס מאמע איז נאָכ אלצ געזעסנ אונ אלצ געקוקט פאר זיכ.

— מאמע, — האָט געוויינט מוליק, — איכ האָב מוירע, איכ וויל עסנ... מאמע, נעמ ארויס אונדזער מוישעלענ!

די מאמע האָט אימ אָבער ניט געהערט, אונ ער איז אזוי וויינענדיק אײַנגעשלאָפנ. ווענ ער האָט זיכ אויפגעכאפּט, האָט ערשט אָנגעהויבנ טאָגנ, אונ די מאמע איז אלצ געזעסנ אפנ זעלבנ אָרט. מוליק האָט זיכ איבערגעדרייט אפ דער צווייטער זײַט אונ געקליבנ זיכ ווידער אײַנשלאָפנ, נאָר מיטאמאָל האָט ער זיכ אויפגעזעצט אונ אויסגעשריִענ, אָנקוקנדיק די מוטער מיט קינדערש-צעשראָקענע אויגנ: „מאמע, דו הערסט, אונדזער מוישעלע וויינט, מאמע!”

די פרוי האָט א ציטער געטאָנ מיטנ גאנצנ קערפּער אונ, ניט ווילנדיק, אָנגעשפּיצט די אויערנ. ערגעצ ניט ווײַט האָט ווירקלעכ געוויינט א קינד. די פרוי האָט צוזאמענ מיט מוליקנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ דער זײַט, פונוואנענ ס׳האָט זיכ געטראָגנ דאָס געוויינ. אונטער א בוימ אפנ הוילנ גראָז איז געזעסנ א מיידעלע פונ א יאָר 2—3 אינ א ווײַס קליידעלע מיט א בלוי סטענגעלע אינ די העל-בלאָנדע האָר. פונ איר לינקער האנט האָבנ געטריפט רויטע טראָפּנס אפ איר ווײַס קליידעלע, אונ אינגאנצנ האָט זי געהאט דאָס אויסזענ פונ אנ אונטערגעשאָסנ פייגעלע, וואָס איז ערשט ארויסגעפאלנ פונ דער נעסט. דאָס מיידעלע האָט געוויינט, פארכלינענדיק זיכ אינ איר ניט קינדערשנ ווייטעק אונ צער, אונ האָט אלצ נאָכאנאנד גערופנ די מאמע.

די פרוי האָט מיט ציטערדיקע פינגער איבערגעבונדנ דעמ מיידעלע די האנט אונ באַרויִקט עס. זי האָט ארויסגענומענ פונ איר וועגבײַטל א שטיקל ברויט, באשאָטנ עס מיט צוקער אונ צעטיילט אפ דער העלפט ביידע קינדער. דערנאָכ האָט זי געכאפּט דאָס מיידעלע אינ איינ האנט, דערלאנגט מוליקנ די צווייטע אונ געלאָזנ זיכ מיט זיי ביידנ לויפנ, לויפנ אָנ אנ אָטעמ אלצ ווײַטער אונ ווײַטער פונעמ טויט.



אזוי איז זי געלאָפנ א הונגעריקע, מיט צעבלוטיקטע פיס, ביז ס׳האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו זעצנ זיכ אינ א צוג. דער צוג האָט זי פארפירט אינ א ווײַטער שטאָט, וואָס איז אינגאנצנ ניט ענלעכ אפ איר היימלאנד. די שטאָט איז זוניק אונ גרינ אונ איבער אלע אירע גאסנ לויפנ אָנ אויפהער פרייִלעכע רישקעלעכ, וואָס הייסנ דאָ—אריקנ. אפנ האָריזאָנט שטייענ שטאָלצע בערג מיט שנייִיקע קעפּ, אונ אינ די סעדער בליִענ עפּלביימער.

די פרוי ארבעט אפ א פאבריק. נאָכ דער ארבעט גייט זי ארײַנ אינ קינדערגאָרטנ. זי ברענגט אירע קינדער אהיימ, אינ איר קליינ צימערל, ווו פונעמ איינציקנ קרומענ טיש, פונ די הילצערנע געלעגערס, פונ די עטלעכע אָרעמע קליידלעכ אפ די ווענט וויִעט מיט מילכאָמע אונ מיט פארלאָרענער היימ. זי דערלאנגט זיי עסנ אינ שטשערבאטע ליימענע שיסעלעכ, וואָס זי האָט שוינ געקראָגנ דאָ אפנ אָרט. זי קוקט, ווי זיי עסנ דאָס, וואָס זיכ אליינ פארגינט זי ניט, אונ איר הארצ וואקסט פונ גליק.

עס מאכט זיכ, זי באקומט א בריוו פונ איר מאנ, וואָס געפינט זיכ אפנ פראָנט, זאָגט זי וועגנ דעמ באלד אָנ אירע קינדער: א בריוו פונעמ טאטנ! מוליק פליעסקעט פרייִלעכ מיט די הענטלעכ אונ שרײַט אויס הויכ אפ א קאָל: „א בריוו פונ מײַנ טאטנ! מײַנ טאטע שלאָגט די דײַטשנ!” דאָס בלאָנד-האָריקע מיידעלע כאפּט אונטער, שפּרינגענדיק פאר פרייד אפ איינ פיסל: „א בריוו פונ מײַנ טאטנ! א בריוו פונ מײַנ טאטנ!”

* * *

# די געווינערנ

אינ קאפע „דויטשלאנד“ האָט געשפּילט א פּארטויבנדיקער בלאָזאָרקעסטער. די געסט — דײַטשישע סאָלדאטנ אונ אָפיצערנ — האָט אופגענומענ די באלעבאָסטע אליינ, א באיאָרטע דײַטשקע, טאקע א היגע, א קאווקאזער. זי איז געווענ דיק, ראָז אונ ווײַסלײַביק. איר גאנצע באנעמונג האָט אונטערגעשטראָכנ, אז איר עכטער לעבנס-באַרופ איז צו האלטנ א פײַנעמ דײַטשישנ קאפע. די ווענט, די פענצטער, די טישנ האָבנ געבלאנקט פונ ריינקײַט, אפנ בופעט איז געווענ אויסגעלייגט אונטער א בלענדנדיק-ווײַסנ טיכל פײַנ געבעקס — קעקסנ אונ טאָרטנ. די דײַטשנ האָבנ זיכ דאָ געפילט, ווי אינ דער היימ, אינעמ געליבטנ „פאטערלאנד“.

פונ אלע עקנ שטאָט האָט מענ צונויפגעטריבנ אינ קאפע שיינע יונגע קאזאטשקעס, צוליב עקזאָטיק האָט מענ זיי אלע אָנגעטאָנ אינ שטרענג פארמאכטע קליידער. בלויז די ווײַסע פארטעכלעכ אונ די ווײַסע געהאָפטענע נאקאָלקעס אפ די קעפ האָבנ געזאָלט אונטערשטרײַכנ, אז א רוסישע פרוי איז אינ די אויגנ פונ א דײַטש, אינ בעסטנ פאל, ניט מער, ווי א „שטוב-מעדכענ“. עס האָט געקלאפט דער אָרקעסטער, דײַטשנ האָבנ געטרונקענ ווײַנ אונ געטאנצט מיט די יונגע קאזאטשקעס.

ניט ווײַט פונעמ קאפע איז געשטאנענ א היפש הילצערנ הויז. די פענצטער זײַנענ דאָרט געווענ אויסגעלאָשנ, אונ קיינער האָט זיכ ניט געוויזנ פארנ טויער. עס איז געווענ פונקט אזוי שטיל אונ פינצטער, ווי די גאנצע שטאָט פונ אָנהייב אָוונט אָנ. דאָס הויז האָט אויסגעזענ טויט, אָבער אפילע דער קעלער זײַנער איז געווענ באַוווינט — דאָרט האָט זיכ געפײַניקט אינ פינצטערניש אונ איינזאמקײַט פערל גרינבערג. פערל איז געלעגנ אפ דער רעכטער זײַט, מיט עטוואָס אונטערגעבויגענע קני, אונ איר גרויסער שוואנגערער בויכ האָט זי שווער געצויגנ צו דער ערד.

פערל איז געשלאָפנ אונ ס׳האָט זיכ איר געכאָלעמט: א ליידיקע פינצטערע גאס מיט אָנ א שיר טעלעגראפ-סלופעס. גלײַכ אפ איר



רוקט זיכ אָנ עפּעס א גרויסע שווארצע מאשינ מיט רויטע פײַערדיקע אויגנ. זי טרעט אָפּ אהינטער פונ איינ סלופ צו דעמ צווייטנ, די מאשינ אָבער יאָגט זי אָנ אונ גייט אלצ גלײַכ אפ איר. עמעצער לאכט, אונ פערל וויל שרײַענ, נאָר זי קאָנ ניט. „אנטלויפ, טאָכטער, — דערהערט זי פלוצעמ דער מאמעס שטימ פונ דער מאשינ ארויס, — דו זעסט, דאָס זאמד קריכט. מיר שוינ אינ מויל ארײַנ. איכ ווער דערשטיקט, טאָכטער! אנטלויפ!“ פערל טרעט אָפּ ווײַטער פונ סלופ צו סלופ, פונ כלופ צו סלופ, די פיס ברעכנ זיכ איר אונטער, אונ די פײַערדיקע אויגנ פונ דער מאשינ מאכנ זי בלינד. „רײַסט ארויס בא איר דאָס קינד, — זאָגט רויִק א מענער-שטימ פונ א רופּאָר ארויס, — ס׳איז א ייִדיש קינד!“ פערל דערזעט לעבנ זיכ איר מאמע מיט א ווײַס קלומעקל אפ די הענט. „וויי-וויי, — קלאָגט די מאמע, — דאָס קינד איז דאָכ ערשט געבוירנ...“ אנ אָרקעסטער קלאפט א הילדנ מארש. א פאָר שטארקע הענט כאפנ אָנ פערלענ אונ גיבנ זי א שלײַדער אונטער די רעדער פונ דער מאשינ.

פערל האָט זיכ אופגעכאפט אונ ווילד ארומגעקוקט זיכ. ארומ איז געווענ פינצטער אונ שטיל. ס׳האָבנ זיכ בלויז דערטראָגנ קלאנגענ פונעמ אָרקעסטער אינ קאפע „דויטשלאנד“. זי האָט געהערט דאָס אומרויִקע קלאפנ פונ איר הארצ אונ געפילט א שנײַדנדיקנ ווייטעק אינ בויכ אונ אינ די זײַטנ. דער גרויסער שוואנגערער בויכ איז געווענ שווערער, ווי שטענדיק, אונ געשטערט עטעמענ. דער ווייטעק האָט זי אפ א ווײַלע אָפּגעלאָזט אונ באלד באנײַט זיכ מיט א גרעסערער קראפט, ווי עפעס אנ אכזאָריעסדיקע האנט וואָלט צונויפגעדריקט אלע אירע געדערעמ אונ געוואָלט זי צערײַסנ. זי איז געלעגנ אפ דער הוילער ערד אונ געקאָרטשעט זיכ אינ קראמפנ. „שוינ? — האָט זי געטראכט מיט שרעק, — אָט דאָס איז עס שוינ?“

עטלעכע פאָר שטארקע הענט האָבנ געקלאפט אינ טויער. פערל האָט זיכ אינ ווילדער אײמע א לאָז געטאָנ צו דער ליידיקער פאס, וואָס איז געווענ פארוקט אינעמ סאמע ווײַטנ ווינקל פונעמ קעלער אונ האָט איר אָפּט געדינט פאר א באהעלטעניש. זי האָט מיט גרויס מי ארײַנגעשטופּט אהינ איר שווער-געוואָרענעמ קערפּער. אזעלכע קלעפּ האָט זי געהערט אינ יענער נאכט... באמ טויער האָט דאנ שווער געסאָפּעט א גרויסער פארמאכטער אווטאָבוס. מע האָט אהינ ארײַנגעזעצט איר טאטנ מיט דער מאמענ. זי האָט עס ניט געזענ... מע האָט זי געראטעוועט... מע האָט זי דאנ אויכ ארײַנגעשטופּט אינ דער זעלבער פאס.

אפנ הויפ האָט סטארצעוו, דער געוועזענער אלטער בעקאָוועדיקער אדוואָקאט אונ דער איצטיקער הויז-פארוואלטער, רויִק אינ עמעצנ ארײַנגערעדט: „בא אונדז אינ הויז איז אלצ אינ אָרדענונג. קיינער האָט זיכ ניט געפעלט אונ קיינער איז ניט צוגעקומענ. בא אונדז איז ביכלאל א לאָיאל הויז”. באלד נאָכדעם האָט זיכ דערהערט דאָס זאָרגלאָזע געלעכטער פונ מארוסיענ, וואָס האָט אײַנגעלאדנ די דײַטשנ צו זיכ אפ אָוונטברויט.

פערלענ איז געווענ שלעכט. עפעס האָט זיכ געריסנ פונ דער ענגשאפט פונ איר קערפער, אונ ארומ איר גופע האָבנ זיכ אויכ אזוי ענג צונויפגעשלאָסנ די קײַלעכדיקע ווענט פונ דער פאס. די ווייענ זײַנענ געוואָרנ אלצ אָפטער אונ שטארקער. פערל איז געוואָרנ אזוי אָפגעשוואכט, אז אינ די מאָמענט-איבערײַסנ צווישנ די ווייענ פלעגט זי אײַנדרימלענ, ביז דער ווייטעק פלעגט זי ווידער אופוועקנ. איר האָט זיכ געוואָלט שרײַענ, שרײַענ מיט ווילדע קוילעס, אויסשרײַענ איר גאנצע פײַנ, נאָר זי האָט ניט ארויסגעלאָזנ קיינ איינ קרעכצ. פונ די צעביסענע ליפנ האָט געשטראָמט בלוט.

אויבנ, איבער איר קאָפ, האָבנ אינעם איצט שוינ באלויכטענעם צימער זיכ ברייט צעלייגט בא דעם טיש צוויי דײַטשנ. זיי זײַנענ געווענ אָנגעפרעסנ אונ שטאָלצ, ווי אינדיקעס פאר דער שכיטע. זיי האָבנ זיכ גוטמוטיק, פונ אויבנ אראָפ, געוויצלט מיט מארוסיענ, וואָס האָט זיי פארבלענדט מיט די שמייכלענ פונ אירע שיינע ווײַסע ציינ. פּלוצלינג האָט דורכגעשניטנ די לופט א שארפ געשריי פונ אנ ערשטגעבוירנ קינד. די דײַטשנ האָבנ אָנגעשפיצט די אויערנ, נאָר מארוסיע האָט זיכ הילכיק צעלאכט אונ גענומענ קלאפנ מיטנ געפעס, ווי וועלנדיק אופראמענ דעם טיש. אינ עטלעכע מינוט ארומ האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ, פריילעכ פלאפלענדיק, פּאָטער צו ווערנ פונ די ניט געבעטענע געסט. זי האָט שנעל א כאפ געטאָנ פונ טיש דאָס אָנגעצונדענע קליינע נאפט-לעמפל אונ אראָפגעלאָזנ זיכ אינ קעלער. דאָ האָט זי געטראָפנ דעם הויז-פארוואלטער, דעם אלטנ אדוואָקאט סטארצעוו. ער איז געשטאנענ א פארלאָרענער, ארומגערינגלט פונ דער געדיכטער פינצטערניש, אונ געהאלטנ א נאקעט אייפעלע אפ די הענט. פערל איז נאָכ אלצ געלעגנ צונויפגעדרייט אינ דער פאס. זי האָט, ווײַזט אויס, פארלאָרנ דעם באוווּסטזײַנ.

ווענ פערל איז געקומענ צו-זיכ, איז זי געלעגנ אינ א ווייכער בעט מיט זויבערנ בעטגעוואנט. פערל האָט אופגעהויבנ די אויגנ אפ מארוסיענ מיט סטארצעווענ, וואָס זײַנענ פונ איר ניט אָפּגעטראָטנ. איר בלייכ פּאָנעם האָט זיכ עטוואָס פארויטלט. עס האָט אויסגעזענ



פארשעמט אונ גליקלעכ, ווי בא יעדער גליקלעכער יונגער געווינערנ. א פריידיקע לײַכטקײַט האָט אָנגעפילט אלע אירע גלידער. עס האָט זיכ וועגנ גאָרנישט ניט געוואָלט טראכטנ אונ ס׳האָט זיכ געוואָלט זײַנ גוט צו מענטשנ. זי האָט א שמייכל געטאָנ צו מארוסיענ אונ איז אײַנגעשלאָפנ מיט א רויִקנ יונגנ שלאָפ. אינ א פאָר שאָ ארומ האָט מענ איר דערלאנגט דאָס קינד, אונ זי האָט דאָס ערשטע מאָל אינ איר לעבנ דערפילט די זיסקײַט פונ שטײַפע, זשעדנע, ווארעמע ליפעלעכ בא דער ברוסט. ס׳האָט אָנגעהויבנ טאָגנ אונ ס׳איז פארשוווּנדנ געוואָרנ די איליוזיע פונ גליק. פערלענ מיט איר קינד האָט מענ ווידער אראָפגעלאָזנ אינ קעלער.

זינט יענע נאכט זײַנענ פאריבער קנאפע זעקס כאדאָשימ. ס׳איז געווענ א מילדער פרילינגס-טאָג. די זונ האָט גלעטנדיק-ווייכ געוואַרעמט. דאָס אײַז האָט ערשט גענומענ לאָזנ. די גאסנ זײַנענ געווענ פול מיט מענטשנ אונ יאָמטעוודיק אופגעלעבט. קינדער זײַנענ פריילעכ געלאָפנ איבער די ערשטע פרילינגדיקע בלאָטקעלעכ באגעגענענ דאָס סאָוועטישע מיליטער. פערל איז אויכ ארויס מיט איר קינד אינ הויפ. א בלייכע, אנ אָפגעשוואכטע האָט זי זיכ אָנגעשפארט מיט דער פלייצע אָנ דער וואנט פונעמ הויז אונ האָט מיט אנ אָפנ מויל דורשטיק געזופט די פרילינגדיקע לופט. דאָס קינד איז געווענ פארטויבט פונעמ ניט געוווינטנ ראש אונ פארבלענדט פונ דער ביז איצט נאָכ ניט געזעענער זונ-שײַנ. עס האָט געזשמורעט די אייגעלעכ אונ פריילעכ געקאָפּעט מיט די פיסלעכ. דערנאָכ האָט עס ארויסגעלאָזנ א הילכיקנ אויסגעשריי. עס האָט א ווײַלע אָפגעווארט אונ, ווי פארווונדערט פונ דעם, וואָס קיינער פארשטאָפט אימ איצט ניט דאָס מײַלכל, האָט עס לאנג, מיט פארגעניגנ געשריִענ. פערלס ערשטלינג, דער געבוירענער אינ דער פאס, האָט אָנגעזאָגט דער וועלט, אז ער איז דאָ.

——***——

# א באגעגעניש

די שטאָט האָבן באפרײַט פּאַרטיזאנער. צווישן די ערשטע, וואָס זײַנען געקומען צו לויפן זיי באגעגענען, האָט זיך אויסגעטיילט א מאָדנער פּאַרשוין — א קליין מענטשל פון אומבאשטימטן עלטער מיט א צעקנייטשט ווײַבערש פּאָנעם. דער דאשעק פונעם צו גרויסן היטל איז בא אים געווען אראָפּגערוקט אף די אויגן, וואָס דאָס האָט שאַרף אונטערגעשטראָכן די אומנאטירלעכע ברייטקײַט פונעם מויל מיט די דינע צעצויגענע ליפּן. ער האָט געהאלטן מיט ביידע הענט א בוקעט בלומען, אף וועלכן ס'האָט זיך געבאָמבלט א גרויסער רויטער שטערן פון גלאנציקן פּאַפּיר, אָנגעקלעפּט אף קאַרטאָן. צום רויטן שטערן איז געווען צוגעבונדן א ברייטע סטענגע מיט אן אויפשריפט: „א מאטאָנע פון דמיטרי קסענאָפאָנטאָוויטש פּאטאָטשקין די רעטער פונעם רוסישן פאָלק". דער פּאַרשוין האָט געהאלטן די בלומען גלײַך פאַר זיך, ווי אן איקאָנע, און האָט קאָמיש אונטערגעטאנצט אנטקעגן דעם קאָמאנדיר מיט א זיסן שמייכל אפן ווײַבערשן פּאָנעם. ער איז אָפּט דערטרונקען געוואָרן צווישן דעם גרויסן אוילעם און איז באלד ארויסגעשווומען פונעם געדראנג מיטן זעלבן שמייכל אף די ליפּן. דער קאָמאנדיר, א יונגער בלאָנדער רויטאַרמייער, האָט אים אָבער אלץ ווי ניט באמערקט. ענדלעך, האָט ער בא אים, ווי ניט ווילנדיק, צוגענומען די בלומען און געזאָגט: „א דאנק, פּאַפּאשע!" ער האָט אין פארלעגנהײַט א קוק געטאָן אפן גרויסן רויטן שטערן מיט דער סטענגע, ניט זיכער א דריי געטאָן אים און האָט אים, ענדלעך, פארקוועטשט אונטער דער פּאָלע פון דער לינקער האנט.

ראָזע ספּיוואק, וואָס האָט געשפּאנט אין דער ערשטער ריי נאָכן קאָמאנדיר, האָט נאָכגעקוקט דעם פּאַרשוין און בעשאס-מײַסע געטראכט, אז ערגעץ האָט זי אים שוין געזען. דער געדאנק איז אָבער באלד אויסגעלאָשן געוואָרן אין דער כוואליע נײַע געפילן, וואָס האָבן זי פארפלייצט. זי איז געגאנגען פאָרויס, און די שטאָט איז געלאָפן אנטקעגן. ס'האָט זיך געדוכט, אז די גאסן צוזאמען מיט די הײַזער האָבן זיך אויך גערירט פון אָרט. די שטאָט-לײַט האָבן זיך



מיט אימפּעט ארײַנגעריסן אין די שטרענגע מיליטערישע רייען פון די פּאַרטיזאנער און צעשטערט זיי. אלץ האָט זיך אויסגעמישט. מענער האָבן זיך באגעגנט מיט זייערע פרויען, עלטערן מיט קינדער. מע האָט זיך ארומגענומען, געקושט זיך, געוויינט, דערציילט פונעם איבערגעלעבטן. דער גאנצער אוילעם איז געווען פון איין גוס.

ראָזען האָבן קיין קרויווים ניט באגעגנט. זי איז געשטאנען א באראשטע פונעם טומל. דער קאָפּ האָט נאָך פיל שלאָפלאָזע נעכט געשווינדלט, און זי האָט זיך געפילט, ווי אין א צוג: אלץ לויפט אנטקעגן, דערנענטערט זיך און דאָך פליט עס דורך פארבײַ, פארבײַ... און דער ענדציל איז נאָך ווײַט. די העלע, הילכיקע פרייד פון די גאסן האָט זי מיטגעצויגן, נאָר טיף אין איר האָט געבלוטיקט א ווונד. עס האָט געפּײַניקט א שווערע בענקשאפט. ראָזע האָט זיך געאײַלט אין שטאָט. זי האָט דאָרט געהאט איר אייגענעם איניען, צוליב וועלכן דער קאָמאנדיר האָט איר געגעבן פולע פרײַהײַט אף גאנצע פינף טעג. זי איז ארומגעגאנגען איבער דער שטאָט און געקוקט אף יעדערן מיט טרויעריקע פרעגנדיקע אויגן. זי איז געווען בא עטלעכע באקאנטע. אלע האָבן געקוקט מיט באדויערונג אף איר שיין בלייכ פּאָנעם, קוים-קוים פארברוינט פון דער דאָרעמדיקער זון, און האָבן איר גאָרנישט געקאָנט זאָגן, ניט געקאָנט אָנווײַזן קיין מינדסטן שפּור. זיי האָבן אלע געוווּסט בלויז איינס: די יידישע באפעלקערונג איז פארניכטעט פון גרויס ביז קליין; די דײַטשן האָבן קיינעם ניט געשוינט. ראָזע האָט אינערגעץ ניט געקאָנט זיצן. דער אומרו האָט זי געטריבן ווײַטער. זי האָט געזוכט. זי האָט ניט געוואָלט גלייבן, אז אלץ איז פארפאלן.

אפן פערטן טאָג פון איר קומען אין שטאָט איז ראָזע ארײַן צו אירער א באקאנטער ווערע סמירנאָווע. דאָרט האָט זי געטראָפן אן עלטערע רוסישע פרוי. ווערע האָט דערציילט אירע געסט וועגן דעם, וויאזוי איר איז אויסגעקומען מער פון א כוידעש ארומצוּוואנדערן איבער די סטאניצעס, ווײַל אין דער היים זײַנען שוין פאַר איר געלעגן פיר פּאָוועסטקעס ארויסצופאָרן אף ארבעט אין דײַטשלאנד.

— א, וואָס איז דאָ צו ריידן פון די דײַטשן? — האָט א זאָג געטאָן די עלטערע פרוי. — אויב אן אונדזעריקער איז א מענוול, איז ער טויזנט מאָל ערגער פון זיי. יענע זײַנען כאָטש פרעמדע, פארדריסט ניט אזוי. אָט איז בא אונדז פאראן אן אופּראוודאָם. שטענדיק, דאכט זיך, געווען א שטיל מענטשל... איז דאָס אן אויסוווּרף, איז דאָס א הנידע, גאָט באהיט! נישקאָשע, איך וועל זיך נאָך מיט אים אָפּרעכענען!

אין די גוטע בלויע אויגן פון דער אלטער האָט זיך אָנגעצונדן א בייז פײַערל. ראָזע און ווערע האָבן צוגערוקט זייערע שטולן, גרייט צו הערן, און אָט וואָס די אלטע האָט זיי דערציילט:

דאָס איז געווען מיט פינף כאדאָשים צוריק. די גאסן זײַנען געווען פוסט, די לאָדן פון די הײַזער פארמאכט, טירן און טויערן פארריגלט. יעדערער האָט זיך באהאלטן, ווו ער האָט געקאָנט. זי, די אלטע נאסטאסיע פעטראָוונע, איז געזעסן מיט נאָך עטלעכע שכיינעס אינעם קעלער פון זייער הויז, נאָר פלוצלינג האָט זי זיך דערמאָנט, אז פאָלקאן איז געבליבן צוגעבונדן אפן הויף. איז זי ארויס ארײַנצונעמען אים אין קעלער, כאָטש די איבעריקע פרויען האָבן געגוואלדעוועט, זי זאָל ניט גיין. זי גייט ארויס און ווערט פארטויבט. פאָלקאן האלט פארריסן די מאָרדע און וואָיעט, קענטיק, מיט אלע קויכעס, נאָר זײַן שטים הערט מען ניט. נאסטאסיע פעטראָוונע קוקט זיך ארום און זעט — אפ דער פוסטער גאס, ווו עס פאלן שפליטערן פון סנאריאדן, שטייען צוויי קינדערלעך, א ייִנגעלע מיט א מיידעלע, צוגעדריקט איינע צו די אנדערע, האלטנדיק זיך פעסט בא די הענט. זיי האָבן זיך, ווײַזט אויס, אָפגעשטעלט אינמיטן לויפן, האָבנדיק דערזען א לעבעדיקן מענטש. נאסטאסיע פעטראָוונע האָט שנעל אופגעמאכט דעם טויער און אראָפּגעפירט די קינדער אין קעלער. די קינדער האָבן דערציילט, אז אינדערפרי איז די מאמע אוועק אפ דער ארבעט. ווען מע האָט אָנגעהויבן שיסן, האָבן זיי זיך דערשראָקן און אוועקגעלאָפן זוכן די מאמע. אפ דער מאמעס ארבעט האָבן זיי שוין אָבער קיינעם ניט געטראָפן. אהיים האָבן זיי שוין אויך ניט באוויזן אומצוקערן זיך.

ערשט שפעטער, ווען די דײַטשן האָבן פארנומען די שטאָט, האָט זיך נאסטאסיע פעטראָוונע ארומגעזען, אז די קינדער זײַנען ייִדישע, און מע דארף זיי ווײַטער אויך אויסבאהאלטן. האָבן די קינדער אָפגעלעבט אינעם הויז צוויי וואָכן, ביז דער הויז-פארוואלטער האָט דערשמעקט די זאך און האָט זיי ארויסגעגעבן.

— איך האָב אליין געזען, ווי מע האָט זיי אוועקגעפירט, מײַנע פייגעלעך, — האָט פארענדיקט די אלטע, ווישנדיק זיך די אויגן.

— ווי האָבן געהייסן די קינדער? — האָט, ניט קוקנדיק אפ דער אלטער, ראָזע געפרעגט.

ווערע סמירנאָווע האָט זיך שוין לאנג נערוועז געדרייט אפ איר אָרט און געווונקען צו דער אלטער. ווערע האָט שוין אפילו עטלעכע מאָל זי אָנגערירט באם ארבל, נאָר די אלטע איז געווען אזוי



פארטאָן אין איר דערציילונג, אז זי האָט גאָרניט באמערקט, וואָס ארום טוט זיך.

— דאָס ייִנגעלע האָט געהייסן ליאָניע, — האָט זי געענטפערט ראָזען, — און דאָס מיידעלע — טאמארע. אײַ, וואָס ווייסט איר, וואָס פארא טײַערע...

נאָר דאָ האָט די אלטע א ציטער געטאָן און אנשוויגן געוואָרן. איר בליק האָט זיך באגעגנט מיט א פּאָר גרויסע קײַלעכדיקע אויגן, אין וועלכע ס'איז פארגליווערט געוואָרן א גרויל.

דערנאָך איז שוין ראָזע געזעסן דעם קאָפּ פארוואָרפן אפן ווענטל פון שטול, און אירע הענט, אזעלכע געלע, טויטע, פלוצלינג מאָגער געוואָרענע הענט זײַנען הילפלאָז געלעגן אפ די קני, ווי פארגעסענע. איבערן פּאָנעם האָבן זיך שטיל און לאנגזאם געקײַקלט גרויסע טרערן.

ווערע האָט זיך אראָפּגעלאָזן אפ די קני, געגלעט ראָזעס געלע הענט און געקושט איר נאס פּאָנעם. נאסטאסיע פעטראָוונע האָט זיך ארומגעדרייט איבערן צימער, געטאָפּט דעם טישטעך אפן טיש, אָפּגעטרייסלט זיך דאָס קלייד, געמאכט אָן א שיר אײַליקע, ניט נייטיקע באוועגונגען, ביז זי האָט זיך פארשלאָגן אין א ווינקל אפ דער איינציקער קושעטקע אינעם צימער און האָט זיך הויך צעוויינט.

דאן האָט ראָזע געזאָגט:

— מע דארף ניט, נאסטאסיא פעטראָוונא, מע דארף ניט, טײַערע! קומט, פירט מיך אוועק צו אײַער הויז-פארוואלטער. איך וויל מיט אים ריידן אויג אפ אויג.

די פרויען זײַנען לאנג געגאנגען איבער די שטאָטישע גאסן. ווערע האָט געהאלטן ראָזען פעסט אונטערן אָרעם. בא דער זײַט האָט געאײַלט מיט שמאָלע באָבישע טריטעלעך נאסטאסיע פעטראָוונע, נאָר ראָזע האָט איצט קיינעם ניט געזען לעבן זיך, זי איז געווען באנאנד מיט איר צאר. אין הארצן האָט ניט אופגעהערט צו נאָגן: „ניטאָ! ניטאָ! און מע קאָן גאָרנישט העלפן! פארפאלן! קיינמאָל וועט זי שוין ניט פארפלעכטן טאמארעלעס זײַדענע האָר אין פרייִלעכע צעפּלעך מיט רויטע סטענגעס און ניט פילן ארום האלדז אירע ווייכע ווארעמע הענטלעך; קיינמאָל וועט שוין ליאָניק ניט ארײַנלויפן אין צימער מיט שײַנענדיקע אייגעלעך און ווײַזן איר א טאנק, וואָס ער האָט דאָ ערשט אליין אויסגעמײַסטרעוועט. ניטאָ, ניטאָ!..“

די פרויען זײַנען ענדלעך צוגעגאנגען צו א הויכן גרינעם געשניצטן טויער, און ראָזע האָט זיך די ערשטע אָפּגעשטעלט אן איבעראשטע. א פלוצלינגדיקע דערמאָנונג האָט דורכגעבליצט אין מויעך.

זי האָט דערקענט דעם טויער און זי האָט זיך דערמאָנט, בא וואָס פארא אומשטענדן זי האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם פארשוין, וואָס האָט צוגעטראָגן איר קאָמאנדיר בלומען.

דאָס איז אויך געווען פונקט מיט פינף כאָדאָשים צוריק. ראָזע האָט. דאן אויך א גאנצן טאָג געזוכט אירע קינדער און האָט סאָפ־קאָלסאָפ איינע אליין פארלאָזן די שטאָט. פאר אירע אויגן האָט דורכגעשוועבט די פלייצע פון א לעצטן אָפגעשטאנענעם רויטארמייער. אינעם ווײַטן פאָרשטאָט זײַנען שוין ארײַן די דײַטשן. די שטאָט איז שוין געווען אָן א מאכט. אפ דער גאס האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאמלען מאָרנע פארדעכטיקע פארשוינען. בא דעם זעלבן גרינעם געשניצטן טויער, ווו זי האָט זיך איצט געפונען, איז געשטאנען א קליין מענטשל מיט א ווײַבערש פאָנעם, א געקנייטשטס, ווי א געבאקטער עפל, און האָט פארקויפט גראָבע, מעשונעדיק אָנגעפארבטע מוידן דיקע ביכלעך אין א ברוינעם אײַנבונד. זי האָט דאן זייער מוירע געהאט פארן דאָזיקן געזעמל און דאָך איז זי צוגעגאנגען נעענטער א קוק טאָן, מיט וואָס פארא ביכלעך האנדלט עס אָט דער פארשוין אין אזא טאָג. דאָס זײַנען געווען רוסיש-דײַטשישע ווערטערביכער.

באם דערמאָנען זיך דעם דאָזיקן טאָג איז ראָזע ווידער אָפגעשוואכט געוואָרן. זי האָט זיך אראָפגעלאָזן אפן בענקל באם פרעמדן טויער. א שנײַדנדיקער ראכמאָנעס אפ אירע קינדער האָט צונויפגעדריקט איר הארץ. עס האָט איר פארפעלט אָטעם, און פון די אויגן האָבן א שטראָם געטאָן טרערן א סאך געדיכטער און הייסער, ווי פריִער. זי האָט צוגעטראָגן דעם שפיץ פון איר ציצענעם קאָפ-טיכל צו די אויגן און ביז ווייטעק צונויפגעצויגן מיט דעם די הויט פונעם פאָנעם, וואָס איז אפ א מאָמענט געוואָרן טיף געקנייטשט, ווי בא גאָר אן אלטן מענטשן. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן און שטיל געזאָגט:

— קומט!

ווערע האָט זיך א זײַטל געטאָן אפ ראָזעס רעוואָלווער און געוואָרנט:

— ראָזע, נאָר אָן נארישקײַטן!

— שרעק זיך ניט, איך בין נאָך באם זינען! — האָט מיט א קרומען שמייכל געענטפערט ראָזע.

די דרײַ פרויען האָבן זיך אופגעהויבן אפן צווייטן שטאָק און, ניט אָנקלאפנדיק, זײַנען זיי ארײַנגעגאנגען אין א שמאָל ענג צימער. די טיר האָבן זיי הינטער זיך ניט פארמאכט. באם טיש איז געזעסן



א מענטש און געשריבן. ער איז שנעל אופגעשפרונגען פונעם אָרט, פארשטעלנדיק מיט דער פלייצע דאָס באשריבענע פאפיר. ראָזע האָט ווידער דערזען פאר זיך דעם פארקויפער פון די ווערטערביכער, נאָר איצט איז זי שוין ניט געווען פארוואונדערט. זי האָט אפ דעם קימאט ווי געווארט. זי האָט לאנגזאם ארויסגעצויגן דעם רעוואָלווער פון דער קאָבורע און איז צוגעגאנגען הארט צו אים. דער פארשוין האָט פאנאנדערגעעפנט זײַן ברייט מויל, ווי אפ צו ארויסלאָזן א געשריי, נאָר אָנשטאָט דעם האָט ער בלויז אראָפגעשלונגען די שפּײַעכץ און, פינטלענדיק מיט די אויגן, קוים ארויסגעשטאמלט:

— בירגערן, וואָס ווילט איר פון מיר? ווער זײַט איר?

— זאָג, וווּהין האָט מען אוועקגעפירט מײַנע קינדער? וואָס האָט מען מיט זיי געטאָן? — האָט ראָזע געפרעגט מיט א שטרענגער שטים, אין וועלכער ס'האָט נאָך געקלונגען א פיצעלע האָפענונג.

דער פארשוין האָט געשוויגן. ער איז געוואָרן נאָך קלענער און אײַנגעשרומפענער, ווי פריִער. ער איז אינגאנצן אײַנגעזונקען געוואָרן אין זײַן אָנטאָן. בא דער אָפענער טיר האָבן זיך שוין פארזאמלט מענטשן.

— קום! — האָט ראָזע שטיל און דײַטלעך באפוילן.

זי האָט זיך דערמאָנט אינעם פאפיר אפן טיש און האָט אין דעם ארײַנגעקוקט. דאָרט איז געווען געשריבן:

„אזוי ווי איך בין שטענדיק געווען איבערגעגעבן דער ראטנמאכט, קאָן איך ניט פארשווײַגן, וואָס איך ווייס וועגן די מיִעסע פארעטער. דער בירגער פילימאָנאָוו האָט פאר די דײַטשן"...

— אָט א וואָרעם! — האָט ראָזע הויך געזאָגט.

אין א פאָר מינוט ארום איז דער פארשוין ארויס פונעם געשניצטן גרינעם טויער. קיין פאָנעם האָט ער שוין אינגאנצן ניט פארמאָגט. זײַן גוף האָט אויסגעזען אזוי, ווי מע וואָלט אים ערשט אָנגענומען פארן קאָלנער און עטלעכע מאָל אָפגעטוקט אין א פאס קאלט וואסער. די פארטיזאנערן ראָזע ספיוואק איז געגאנגען הינטער אים שטרענג אויסגעגלײַכט, מיטן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין דער האנט. אלע שכיינים פונעם הויף זײַנען שווײַגנדיק מיטגעגאנגען מיט דער באטריבטער מוטער אלס איידעס.

——★☆★——

# די מומע ראַיע

געקומען איז זי אַהער, ווען אפ דער איצט גרינער ערד איז נאָך געלעגן א דיקער שניי און ארום איז געווען פוסט און שטיל. ס'האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען פון שטאָט די ערשטע בריגאַדעס. די בריגאַדע פון ניי-פאבריק, מיט וועלכער זי איז געקומען, האָט זיך אין א פּאָר וואָכן ארום אומגעקערט אין שטאָט. זי אָבער האָט זיך שוין פונדאנען ניט געקאָנט אָפּרײַסן און איז פרײַוויליק געבליבן ארבעטן ביזן סאָף פון דער בויונג. נאָר אירע אויגן איז דאָס איינזאמע, פארלאָזטע אָרט, ווו ס'גיסן זיך צונויף די צוויי ראשיקע, אײַז-קאַלטע שטראָמען פונעם אלמא-אטער טײַך, זייער שנעל באַליבט געוואָרן.

בא דעם ברעג פונעם טײַך האָבן זיך באַוויזן קיאָסקן אפ רעדלעך; אין די קיאָסקן ארבעט די פארוואלטונג פון דער בויונג. בא יעדן קיאָסק ברענט אין די אָוונטן א גרויסער עלעקטרישער לאָמפּ פון טויזנט ליכט און באַלײַכט דעם גאנצן ארום. לענגאויס דעם וועג, וואָס פירט פונעם טײַך דורך א הייל צו די בערג אלא-טאו, זײַנען צעוואָרפן פארשיידענע געבײַדעס: ווײַסע, שטײַף-אָנגעצויגענע בײַדלעך פון מיליטערישן שניט, קליינינקע פאניערענע הײַזלעך, ווי צוזאמענגעשטעלטע פון קינדערשע קוביקעס, און גאָר א גרויס אויסגעפוצט בײַדל מיט אן אופשריפט: „אגיט-פונקט". פונדאנען דערטראָגן זיך קלאנגען פון ראדיאָ, דאָ פארקויפט מען צײַטונגען, עמעצער שפּילט אפן ראָיאל, און א קינסטלער זיצט אָפט בא דער שוועל האלב-נאקעט, אין א גרויסן שטרויענעם הוט און מאָלט.

פון צײַט צו צײַט איז דאָ אלץ ארום אופגעטרייסלט געוואָרן פון באַטויבנדיקע אופרײַסן, און זי האָט געזען, ווי עס ווערן אופגעהויבן פונעם אָרט גאנצע מאסיוון שטיינער און בערג. זי האָט צוזאמען מיט נאָך פיל מענטשן, געקומענע פון דער שטאָט, געשלעפּט שווערע טאטשקעס מיט שטיינער און געגראָבן די ערד אונטער דער גליִענדיקער זון פון מיטל-אזיע. זי האָט שווער געארבעט און ארויסגעקוקט אפ דעם מאָמענט, ווען פונדאנען וועט א שטראָם טאָן ליכט, וואָס וועט באַוועגן מאָטאָרן אפ מיליטערישע זאוואָדן. ווי א פּאָשעטע פרוי, א גוטע באלעבאָסטע, האָט זי אויך געטראכט וועגן איינפאכע קײַלעכדיקע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס מאכן אזוי לײַכט דאָס לעבן.



זי ווייסט ניט, וויאַזוי איז עס געשען, וואָס זי איז געוואָרן אפ דער בויונג פון דער הידראָעלעקטראָסטאנציע א נייטיקער מענטש פאר יעדערן און דאַפקע ניט באַם גראָבן ערד. זי ווייסט אויך ניט, ווער האָט דער ערשטער זי אָנגערופן „מומע ראַיע". איצט רופן זי שוין אלע אזוי. קיינער ווייסט דאָ ניט איר פאמיליע. האָט זיך בא עמעצן אָפּגעריסן א קנעפּל, כאַפּט ער זיך ארײַן צו דער מומע ראַיע נאָך א נאָדל-פאָדעם. האָט זיך עמעצער צעשעדיקט א פינגער, איז דער מעדפּונקט פאר אים צו ווײַט. ער קומט בעסער צו איר: „מומע ראַיע, פאראַן בא אײַך א ביסל יאָד מיט א שטיקל מארליע?" אפילע א צײַטונג איבערלייענען כאַפּט מען זיך אויך אָפּט ארײַן צו איר. די ווירטשאפטלעכע פליכטן פון דער מומע ראַיען האָבן זיך אלץ געמערט, ביז אלע האָבן זיך ארומגעזען, אז אָן איר באַלעבאַטישן אויג און מוטערלעכער געמיטלעכקײַט איז שווער צו לעבן אפ דער וועלט. האָט מען זי באַפרײַט קעגן איר ווילן פון דער ארבעט אפ דער בויונג, וואָס איז ניט פאר איר עלטער און ניט פאר אירע קויכעס, און באַשטימט זי פאר א באלעבאָסטע פון א בײַדל, ווו ס'האָט זיך באַזעצט אפן גאנצן בוי-סעזאָן א גרויסע בריגאַדע.

פינף אזייגער פארטאָג, ווען דער באַנאַכטיקער אומבײַט גייט אָפּרוען, און דער באַטאָגיקער — אײַלט זיך אפ דער ארבעט, זעט מען שטענדיק די מומע ראַיע אפן שוועל פון איר בײַדל. ארום איז א גרויסע אופלעבונג. לעבן אגיט-פונקט ווערט געשאַפן א קליינער אימפּראָוויזירטער מארק. פויערים פון די נאָענטע קאָלווירטן ברענגען אַהער מילך אין הויכע בלאַנקנדיקע בידאָנעס, גרויסע קוישן מיט אוגערקעס, רעטעכלעך, מאלינעס. אין אָט דער צײַט שײַערט די מומע ראַיע טעפּ. דער הימל איבער איר איז הויך און בלוי, די לופט איז דורכזיכטיק-ריין און די ערשט אופגייענדיקע זון שפּיגלט זיך אינעם בלאַנקנדיקן קופער, צינק און עמאל. לעבן דער מומע ראַיען שטייט שוין א גאנצע ריי אויסגעשײַערטע טעפּ פון פארשיידענער גרייס, נאָר זי ארבעט ווײַטער, טײַנענדיק גוטמוטיק-בייזלעך צו זיך אליין: „אז אלץ אין דער וועלט האָב איך ליב צו טאָן: וואשן דילן, שיילן קארטאָפל, נייען, צירעווען זאָקן, גראָבן ערד — דארף איך גאָר שײַערן טעפּ, אז איך האָב שטענדיק פײַנט געהאט שײַערן טעפּ. נו, אָבער וואָס טוט מען? ווי קאָן מען ברענגען מיטיק אין ניט קיין שיינע טעפּ פאר א בריגאַדע, וואָס איז די בעסטע אפ דער בויונג?"

אין אלע בײַדלעך ליגן אפ דער ערד מאטראצן אָדער טעפּיכער צום שלאָפן. אין דער מומע ראַיעס בײַדל שטייען פײַן געבעטע בעטן, דער טיש איז באַדעקט מיט א טישטעך פון שניי-ווײַסער מארליע,

און אפנ טיש שטייענ אינ א קריגל פרישע פעלד-בלומענ. דער ערדענער דיל איז שטענדיק באגאָסנ מיט וואסער, וואָס ווערט מאָמענטאל אויסגעדאמפט אינ דער אָנגעגליטער לופט, אינ די ווענט זײַנענ אָנגעשטעקט אָנ א שיר נאָדלענ מיט פארשיידנפארביקע פעדעמ. עטוואָס העכער פונ יעדנ בײַדל, אפנ שיפוי פונעמ בארג שטייט אײַנגעגראָבנ אינ דער ערד א קליינ אייוועלע, וואָס מע זעט עס קוימ ארויס. בא דער מומע ראיע ווערט אינעמ אייוועלע קיינמאָל ניט אויסגעלאָשנ דאָס פײַער. ערשטנס, זײַנענ שוועבעלעכ אינ מילכאָמע-צײַט א דעפיציטע סכוירע, צווייטנס, דארפ מענ אינ אזא היצ שטענדיק האָבנ געזאָדנ וואסער, זאָל טרינקענ יעדערער, ווער עס גייט פארבײַ. ווײַטער, דארפ מענ עפעס אָפקאָכנ, אָדער אָנווארעמענ דעמ מיטיק, וואָס זי ברענגט פונ גאָרקיכ. זי וויל ניט, איר בריגאדע זאָל פאטערנ צײַט אפ מיטיק, ברענגט זי אימ אהיימ אינ בײַדל ארײַנ.

נאָכ מיטיק מעלדעט דאָסראָוו די מומע ראיע איר בריגאדע, אז זי האָט צוגעגרייט א סורפריז. אלע ווייסנ פאָרויס, אינ וואָס דער סורפריז באשטייט. מע קוקט זיכ שמייכלענדיק איבער, נאָר מע מאכט זיכ ניט וויסנדיק. זי גייט ארויס פונ בײַדל אונ קערט זיכ באלד אומ א גליקלעכע מיט אנ עמער אינ האנט. זי גיסט אָנ יעדערנ א גלאָז קאלטנ, פעטנ, געדיכטנ אייראנ. דעמ אייראנ ברענגט איר א קאזאכקע, וואָס פאָרט צו אפ אנ אייוועלע גלײַכ צו איר פאלאטקע.

די בעסטע בריגאדע אפ דער בוינג האָט זייער טומלדיקע שכיינימ — יינגלעכ פונ אנ ארטעל. די יינגלעכ האָבנ ליב אינ די אָפרושאָענ צו שפילנ אפ א באלאלײַקע, זינגענ אלע צוזאמענ הויכ אפ א קאָל לידער, אָדער גאָר ארומיאָגנ זיכ אָנ אָטעמ איינע נאָכ די אנדערע. אלע שרײַענ אפ זיי, אלע דראָענ צו אָנקלאָגנ זיי אינ דער פארוואלטונג. בלויז די מומע ראיע שרײַט אפ זיי ניט, דראָעט זיי מיט גאָרנישט. זי גייט שטיל ארײַנ אינ זייער בײַדל אונ זאָגט: „ס'איז אזא היצ, אונ איר זיצט גאָר דאָ. דער טאָג גייט דאָכ באלד אוועק. לויפט, באָדט זיכ אויס!" אָדער: „ווייסט איר וואָס, כעוורע, לויפט נאָר צו אינ די בערג אונ קלײַבט צונויפ א ביסל אוריוק, וועל איכ אײַכ אָפקאָכנ א פײַנעמ קאָמפאָט". אָדער: „איכ האָב נאָכ הײַנט קיינ צײַט ניט געהאט אפילע א קוק צו טאָנ א צײַטונג. וואָס, איר האָט נאָכ אויכ ניט געלייענט? טאָ כאפט זיכ טאקע אראָפ אינ אגיט-פונקט אונ ברענגט צײַטונגענ, וועלנ מיר צוזאמענ לייענענ. אגעוו, זיצט דאָרטנ א ביסל, עפשער וועט מענ אינ ראדיאָ איבערגעבנ גוטע נײַעס, וועט איר מיר אויכ דערציילנ". אונ כעוורע פאָלגט — מע לויפט זיכ באָדנ, מע גייט נאָכ אוריוק, מע לייענט צײַטונגענ.



אינאָווענט זיצט די מומע ראיע ווידער באמ בײַדל אונ ווארט אפ איר בריגאדע. אָנ א זײַט זידט פריילעכ א סאמאָוואר.

— נו, קינדער, ווי האָט איר הײַנט געארבעט? — פרעגט זי זיי יעדעס מאָל מיט אומרו אינ דער שטימ.

— גוט, מומע ראיע, זייער גוט. איבערגעשטיגנ די נאָרמע. ווענ ניט, וואָלטנ מיר זיכ דאָכ ניט געקאָנט ווײַזנ אײַכ פאר די אויגנ. — באקומט זי יעדעס מאָל א פריילעכנ ענטפער.

די מומע ראיע האָט זייער ליב די אָוונטיקע שאָענ. זי זיצט זיכ אזוי באמ בײַדל מיט אנ ארבעט אינ די הענט — זי נייט, זי שטריקט, זי צירעוועט אונ פארברענגט מיט מענטשנ. אונ מענטשנ זײַנענ דאָ פאראנ זייער אינטערעסאנטע, פונ פארשיידענע פראָפעסיעס. איר קאָנט דאָ טרעפנ אנ אדוואָקאט, א שוסטער, א קעכנ, א קינאָ-אקטריסע, א סטודענט. יעדערער פונ זיי ארבעט אָפ צוויי-דרײַ וואָכנ אונ פארשווינדט. ווילט זיכ דער מומע ראיענ מיט יעדערנ באקענענ, וואָס פאר א מענטש דאָס איז.

אינ די אָוונטנ רעדט די מומע ראיע דאָסראָוו וועגנ קיִעוו. זי דערמאָנט מיט ליבע יעדע גאס, יעדעס הויז. וועגנ זיכ דערציילט זי בלויז, אז בא איר איז געווענ א גוטע, פריילעכע פאמיליע, אונ איצט זײַנענ אלע אפנ פראָנט. קיינער ווייסט אָבער ניט פינקטלעכ, פונ וועמענ עס איז באשטאנענ איר פאמיליע, וואָס האָט זי איבערגעלעבט אינ דער צײַט פונ דער עוואקואציע אונ וועמענ האָט זי אפנ פראָנט. בריוו ברענגט איר די פעלד-פאָסט פונ פיר פארשיידענע ערטער.

— אָט דאָ, אפ דער בוינג, — זאָגט די מומע ראיע, — האָב איכ ווידער געפונענ א היימ, א פאמיליע.

נאָכ דער מילכאָמע וויל די מומע ראיע אומקערנ זיכ קיינ אוקראינע, אָבער ניט דאפקע קיינ קיִעוו. זי וויל ארבעטנ אפ א בוינג, אָדער אינ א קאָלווירט. איר טרוימ איז צו פארוואלטנ מיט א גרויסער מילכ-פערמע, אלע זאָלנ דאָרטנ ארבעטנ פריילעכ אונ טרײַ אונ מילכ זאָל זײַנ אזויפיל, אז עס זאָל סטאיענ פאר גאנצ אוקראינע.

די מומע ראיע הייבט זיכ אופ פונעמ אָרט אונ גייט ארײַנ אינ בײַדל, קעדיי צוגרייטנ, וואָס מע דארפ אפ אינדערפרי. איר בריגאדע דארפ ניט האָבנ קיינ שומ זאָרגנ. זי פאָרעט זיכ בא אנ ארבעט אינ בײַדל אונ שמייכלט צו זיכ אליינ באמ געדאנק, אז מאָרגנ וועט זי ווידער באגעגענענ איר בריגאדע מיט דער פראגע:

— נו, קינדער, ווי האָט איר הײַנט געארבעט?

אונ זיי וועלנ איר ווידער פריילעכ ענטפערנ:

— זייער גוט. אפנ בעסטנ אויפנ, מומע ראיע!

# טאמארע עלקינ

— מיר האָבנ ליב געהאט ביז מעשוגאעס די טעגלעכע שײַנ. גאנצע נעכט האָבנ מיר מיט א פארכאפּטנ אָטעמ געוואַרט אָפּ איר. „עס הייבט שוינ אָנ צו טאָגנ", — מיט אָט די ווערטער האָבנ מיר געטרייסט אונ געמונטערט איינע די אנדערע.

— די נעכט האָבנ געדריקט מיט זייער אומנאטירלעכער פינצטערניש. וואָס מער סרייפּע-פײַערנ ס'פלעגנ באלײַכטנ דעמ ארומ, אלץ שווערער האָט זיכ געלייגט די כאשכעס. וואָס מער באטויבנדיק ס'האָבנ זיכ אופגעריסנ די פאלנדיקע באָמבעס, אלץ געדיכטער האָט זיכ געפילט די נאכט-שטילקײַט.

— וואָס האָבנ מיר געטאָנ אינ די נעכט? — מיר האָבנ געארבעט. מיר פלעגנ אָנלאָדנ אונדזערע גרויסע אויוונס אינ צעכ מיט די נייטיקע דעטאלנ אונ ארויסגיינ אָפּ דער גאס באטראכטנ די סרייפּעס. דער סוינע האָט אָפּ אונדז געהאָגלט מיט באָמבעס, אונ מיר האָבנ אינ דער זעלבער צײַט געקאָכט אינ אונדזערע אויוונס פאר אימ דעמ טויט. מיר האָבנ געקוקט אָפּ די סרייפּעס אונ קלאָר פאָרגעשטעלט זיכ, וויאזוי אונדזערע טאנקענ שטיקנ אונ פארניכטנ אינ דער זעלבער צײַט דעמ סוינע.

דער אינזשעניר טאמארע עלקינ, וועלכע רעדט אזוי וועגנ לעבנ אונ טויט, פארמאָגט א יונג רונד פּאָנעמ מיט פּולבלעכע, נאָכ קינדערשע ליפּנ. איר הויכע שטאלטנע פיגור אפילע מאכט אנ אײַנדרוק פונ אנ אָקאָרשט אויסגעוואקסענער, אָט פונקט ווי א קינד וואָלט זיכ מיטאמאָל א ציִ אויס געטאָנ, אומדערוואַרט פאר זיכ אונ פאר די ארומיקע. בלויז אירע ברייט פאנאנדערגעעפנטע שווארצע אויגנ דריקנ אויס דעמ טיפנ ערנסט פונ א מענטשנ, וואָס האָט שוינ א סאכ דורכגעלעבט אונ בײַגעקומענ. טאמארע עלקינ איז אלט 24 יאָר, אונ זי דערציילט וועגנ דער העראָישער ארבעט פונעמ סטאלינגראדער טראקטאָר-זאוואָד אינ די טעג פונ די גרעסטע געפארנ מיט יוגנטלעכער אקשאָנעס, מיט א קוימ באהאלטענעמ טריומפ אינ דער שטימ:



— ס'האָט געברענט א שכיינעסדיקער צעכ, אונ מיר האָבנ געארבעט. ס'האָבנ געברענט ארומ אונדז אעראָפּלאנענ, אונ מיר האָבנ געארבעט. א באָמבע איז ארײַנגעפאלנ אינ דעמ צעכ, ווו ס'האָט זיכ געפונענ מײַנ מאנ. איכ בינ אהינ ניט געגאנגענ... כ'האָב גאָרנישט געוווּסט... כ'האָב געארבעט אונ באדינט די פארווונדעטע. אָפּ דער טאָג-שײַנ האָבנ מיר שוינ אלע מער ניט געוואַרט. טאָג אונ נאכט האָבנ זיכ שוינ מיט גאָרנישט ניט אונטערשיידט. אלץ האָט זיכ אויסגעמישט. די טעג זײַנענ געווענ פינצטער פונ רויכ, די נעכט ליכטיק פונ סרייפּעס. אהיימ זײַנענ מיר ניט געגאנגענ. דאָס פערזענלעכע לעבנ איז אינגאנצנ אָפּגעשטאָרבנ געוואָרנ.

אינ איינעמ אנ אָוונט איז צו טאמארענ אינ צעכ געקומענ איר מאנ — דער אינזשעניר יורי רוטנבערג, וועלכנ זי האָט ניט געזענ א טאָג צענ. זיי זײַנענ אוועק אהיימ. זי האָט אפילע ניט באמערקט, אז ער הינקט. זיי זײַנענ ביידע געווענ אזוי גליקלעכ פונ דעמ, וואָס זיי זײַנענ צוזאמענ, וואָס זיי לעבנ, וואָס ביידע לעבנ אָפּצולאָכעס די מערדער, וועלכע ווילנ זיי פארניכטנ. ערשט א ביסל שפּעטער, אינ דער היימ שוינ, האָט יורי אויסגעצויגנ זײַנ פארווונדעטנ פוס:

— ס'איז א קלייניקײַט! שרעק זיכ ניט, טאמארע!

ניינ, טאמארע עלקינ האָט זיכ שוינ פאר גאָרנישט ניט געשראָקנ. ניט איינ ווונד האָט זי שוינ געהאט איבערגעבונדנ מיט אירע פלינקע פינגער, ניט איינ בלוטנדיקנ קערפּער פונ א פרײַנט האָט זי ארויסגעשלעפּט פונ אונטער אײַנגעפאלענע רויִנעס. ניינ, טאמארע האָט זיכ ניט געשראָקנ. זי איז געשטאנענ לעבנ איר מאנ א בלייכע, א שטרענגע, א גרייטע צו באגעגענענ דעמ נײַעמ טאָג מיט די נײַע געפארנ.

— שלאָפנ איז אויסגעקומענ זייער ווייניק אינ יענע טעג, אונ דאָכ האָב איכ זיכ דאנ קיינמאָל ניט געפילט באזונדערס מיד. נאָכ דער ארבעט אינ צעכ, בא די מוירעדיקע אויוונס, ווו די טעמפּעראטור פלעגט דערגיינ ביז $1000^0$, איז געווענ אפילע אָנגענעמ צו ארויסגיינ אָפּ דער גאס, אָפּ דער פרישער לופט. גראָבנ שוצגראָבנס, קויענ באפעסטיקונגענ. ס'האָט געוואַרעמט אונ אופגעמונטערט די שכיינעשאפט פונ כאווײרימ, מיט וועלכע מע איז געגאנגענ האנט-בא-האנט באשיצנ די שטאָט. ביז גאָר טײַער איז געווענ די שטאָט גופע, וואָס האָט זיכ געשטיקט אינ רויכ אונ אינ בלוט, די שטאָט, וואָס איז מיט איינ האלב יאָר צוריק געווענ א ווײַטע, א נאָכ קיינמאָל ניט קיינ געזעענע.

אינ סטאַלינגראַד איז טאַמאַרע געקומענ אויכ פונ אונטער באָמבעס, פונ סרײַפעס, מיט אַ טיפנ ווייטעק אינ האַרצנ איבער דער פּײַנ פונ איר פאַרשוועכטער אונ כאָרעווער היימ, פונ דער שיינער אוקראַיִנישער שטאָט כאַרקאָוו. טאַמאַרע איז אָנגעקומענ אינ סטאַלינגראַד אַ קראַנקע אַפ לונגענ-אָנצינדונג אונ אַפ אַ שווערער עקזעמע. ליגנדיק קראַנק אונ דורכטראַכטנדיק דאָס איבערגעטראָגענע פאַר די לעצטע כאָדאָשימ, האָט זי זיכ געגעבנ דאָס וואָרט אַרבעטנ ביזנ לעצטנ אָטעמ, ניט שאַנעווענדיק איר יונג לעבנ.

טאַמאַרע איז געזונט געוואָרנ. פונקט צו דער צײַט האָט זיכ אינעמ סטאַלינגראַדער טראַקטאָר-זאַוואָד געפאָדערט אַ טעכניקער אַפ דער טערמאָ-באַאַרבעטונג פונ מעטאַל. טאַמאַרע איז באַלד אָנגעקומענ אַפ דער דאָזיקער אַרבעט, כאָטש לויט דער ספּעציאַליטעט איז זי אַנ אינזשעניער אַ כימיקער. ס'האָט זי ניט געקימערט, וואָס זי ווערט פאַרוואַנדלט פונ אַנ אינזשעניער אַ כימיקער אינ אַ טעכניקער, ס'האָט זי ניט געקימערט די אַרבעט אינ שרעקלעכער היץ, ווו אירע אָפגעשוואַכטע לונגענ וועלנ עטעמענ מיט געדיכטע אויסדאַמפונגענ פונ אָנגעגליטנ אונ אָפקילנדיקנ מעטאַל. דאָ האָט מענ זי איצט געדאַרפט, אונ אַהער איז זי דרייסט אַוועק. זי האָט באַלד גענומענ אַרבעטנ אינעמ צעכ אונ אינ מעשעכ פונ 4 כאָדאָשימ האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ אַזוי צו באַהערשנ איר נײַעמ, ריינ מענערשנ פאַכ, אַז זי איז באַשטימט געוואָרנ פאַר אינזשעניער — טערמיסט. אונ אַזוי האָט זי שוינ געאַרבעט, קאָלזמאַנ מע האָט נאָר געקאָנט אַרבעטנ.

— דעמ 23-טנ אויגוסט, — דערציילט טאַמאַרע עלקינ, — איז אינ אונדזער זאַוואָד געווענ אַ נאָרמאַלער אַרבעטס-טאָג. דער זאַוואָד אונדזערער האָט די גאַנצע צײַט אַרויסגעלאָזנ מער פּראָדוקציע, ווי פאַר דער מילכאָמע. באַנאַכט האָט דער נאַטשאַלניק באַפוילנ אַלעמענ אַריבערקלײַבנ זיכ אײַנגאַנצנ אינ זאַוואָד, מיט די זאַכנ. אינ איינער פונ די פאָרשטעט האָט זיכ באַוויזנ אַ דײַטש-שער דעסאַנט, דער פראָנט איז שוינ געווענ אינ שטאָט גופע. אַרטילערישע סנאַריאַדנ זײַנענ קימאַט ווי דערפלויגנ צומ זאַוואָד. פינפ טעג האָבנ די אַרבעטער אונ אינזשעניערנ געלעבט אינ צעכ. באַנאַכט איז מענ געשלאָפנ אינ די גריבער.

בלויז איינ פרוי איז געווענ אינעמ טערמישנ צעכ — טאַמאַרע עלקינ. מיט איר איז אויכ געווענ איר כאַווערטע, אַנ אינזשעניער פונ אַ צווייטנ צעכ — ראָכל וועשניאַקאָוו. די צוויי פרויענ זײַנענ אינ די דאָזיקע שווערע טעג געווענ אומדערמידלעכ; זיי האָבנ געזוכט מיטלענ אַפ צו לינדערנ די שווערע לאַגע פונ די, וועלכע האָבנ



שטענדיק בײַ די מאַשינעס געקעמפט אַפ לעבנ אונ טויט מיטנ סוינע, וועמעס אָנוועזנהײַט אינ דער פראָנט-שטאָט איז געווענ אומבאַדינגט נייטיק. אינ דער צעכ-קיכ האָבנ די פרויענ געפונענ קרויט, מעל אונ פוטער. פונ הונגער איז מענ שוינ געווענ באַוואָרנט. טאַמאַרע אונ ראָכל האָבנ געקאָכט נערהאַפטע מײַכאָלימ פאַרנ גאַנצנ קאָלעקטיוו. דעמ 28-טנ אינדערפרי איז אָנגעקומענ אַ באַפעל, די מענער נאָר זאָלנ בלײַבנ אינ זאַוואָד. שווער איז געווענ די מוטיקע פרויענ צו שיידנ זיכ מיטנ זאַוואָד אונ מיט דער האַלב-כאָרעווער שטאָט, ווו זיי האָבנ אַזויפיל איבערגעלעבט אונ ווו אַלצ איז זיי געווענ אַזוי טײַער. מע האָט אָבער געמוזט זיכ אונטערוואַרפנ דעמ באַפעל. דער דירעקטאָר פונעמ זאַוואָד האָט קאָמאַנדירט דעמ אינזשעניער טאַמאַרע עלקינ אַפ אַרבעט אינ אַנ אַנדער שטאָט.

יורי רוטנבערג האָט אַרויסגעפירט זײַנ פרוי אַפנ וועג צו דער וואָלגע, איבער וועלכער ס'איז געשטאַנענ אַ פײַערדיקע וואַנט. דאָ, בײַ דער וואָלגע, וואָס איז געווענ באַדעקט מיט טויטע קערפערס, ווו גאַנצע פליטנ, געדיכט באַזעצטע מיט מענטשנ, זײַנענ געגאַנגענ צומ גרונט, האָבנ זיי זיכ געזעגנט. רוטנבערג האָט זיכ אומגעקערט אינ שטאָט, צומ זאַוואָד. דעמ זעלבנ טאָג נאָכ האָט זיכ טאַמאַרענ אײַנגעגעבנ אַריבערצוקלײַבנ זיכ אַפנ צווייטנ ברעג פונ דער וואָלגע.

טאַמאַרענ קומט איצט ניט אויס צו שלאָפנ אײַנגעהויקערט אינ קיינ גריבער, זי וואַרט ניט מיט קיינ ציטער אינ די גלידער אַפ טאָג-ליכט. טאַמאַרע וווינט אינ אַ קאַנט, וואָס איז באַגאָסנ מיט ליכט אונ מיט זונ. זי געדענקט אָבער זייער גוט די בלוטיקע טעג פונעמ לעגענדאַריש-העראָישנ סטאַלינגראַד, וועלכער האָט זיכ ניט אונטערגעגעבנ דעמ סוינע, זי געדענקט זייער גוט אויכ איר ליבנ ווײַטנ כאַרקאָוו.

טאַמאַרע עלקינ אַרבעט ווידער אַנ ערנסטע, אַ רויִקע אינ אַ צעכ, ווו יעדע דעטאַל צילט אינעמ סוינע. זי ווייסט, אַז יעדער פאַרטיקער מאָטאָר פונ אַ טאַנק דערנעענטערט זי צו איר היימ.

—★☆★—

# פראָפעסאָר כאנע פרומינ

דירע נומ. 10

עס עפנט מיר די טיר ניט קיינ הויכע פרוי אינ א פאָשעטער בלויער קלייד מיט ווייסע פינטעלעכ.

— דאָ וווינט דער פראָפעסאָר פרומינ?

— יאָ. איכ בינ פרומינ. — ענטפערט מיר די פרוי.

אינ א פאָר מינוט ארומ זיצ איכ שוינ באמ טיש אונ פיר א לעבהאפטנ געשפרעכ מיטנ פראָפעסאָר כאנע פרומינ, ווי מיט אנ אלטער באקאנטער. כאנע פרומינ דערציילט מיר גערנ וועגנ איר עלטערנ זונ, וואָס האָט זיכ שוינ איינמאָל ארויסגעריסנ פונ א דייטשישער ארומרינגלונג אונ איצט איז פונ אימ ווידער קיינ בריוו ניטאָ.

— ווו איז ער עס איצט? — גיט זי א זיפצ.

איכ קוק אפ דער מידער פרוי מיט די טרויעריקע מוטערלעכע אויגנ אונ איכ דערמאָנ זיכ, אז ארומ איר וועבנ זיכ לעגענדעס, אז זי איבערראשט מענטשנ מיט איר אומדערמידלעכקייט באַ דויערהאפטע קאָמפליצירטע אָפעראציעס, באַ דעמ קאמפ מיטנ טויט. דערווייל זע איכ אינ כאנע פרומינ די פיינ פונ א פרוי, וואָס איז געווענ געצוווּנגענ צו 55 יאָר פארלאָזנ איר געליבטע שטאָט, אינ וועלכער עס ברשוועבנ איצט ווילדע רויבער, אונ די פיינ פונ א מוטער, וואָס איז געצוווּנגענ פונ די דאָזיקע רויבער צו שיידנ זיכ מיט אירע קינדער, מיט איר אייגנ בלוט אונ פלייש.

כאנע פרומינ שפרינגט פלוצלינג מונטער אופ פונעמ אָרט, אונ אינ אירע מיטאמאָל יונג געוואָרענע אויגנ באווייזט זיכ א פריילעכ פייערל:

— איר ווילט, כ'וועל אייכ ווייזנ די פאָטאָגראפיעס פונ מיינע זינ?

פונ דריי פאָטאָס קוקנ אפ מיר ווילע ייִדישע פענעמער מיט קלוגע דורכדרינגלעכע אויגנ.

— אָט דער איז באַ מיר, — זאָגט פרומינ מיט שטאָלצ, — א גווארדיע-קאפיטאנ, דער מיטלסטער איז א וואָיענטעכניק פונעמ ערשטנ ראנג, דער ייִנגסטער זונ איז שוינ אויכ אינ דער ארמיי...

אפ מאָרגנ אינדערפרי אייל איכ אינ שפיטאָל, ווו עס ארבעט פראָפעסאָר פרומינ. איכ טראכט וועגנ דעמ, וויאזוי זעט עס אויס די



דאָזיקע געמיטלעכע פרוי אינ די שטרענגע שפיטאָל-באדינגונגענ צווישנ מענטשנ, צעקאליעטשעטע פונ דער מילכאָמע.

נאָר אָט שמייכלט שוינ צו מיר פונדערווייטנס כאנע פרומינ. אָנגעטאָנ אינ א ווייסנ כאלאט, מיט א ווייסנ דאָקטערשנ מיצ אפנ קאָפ, זעט דאָ פראָפעסאָר פרומינ אויס שטרענגער, געצאמטער. עס בלייבט אָבער דאָכ איר פרויִשע מילדקייט. דאָס ראָזע יונגע פאָנעמ, וואָס קאָנקורירט מיט די גרויע האָר, די לעבעדיקע אויגנ — אלצ אינ איר שטראלט אויס ליכטיקייט.

פונ דער נעכטיקער מידקייט איז שוינ ניט געבליבנ קיינ שפור. מיט יונגע לייכטע טריט באוועגט זיכ פרומינ איבערנ שפיטאָל אונ געפינט פאָר יעדנ קראנקנ א באזונדערע, בלויז צו אימ אליינ געווענדטע, באגריסונג. דער פראָפעסאָר ווייסט ניט בלויז די קראנקייטנ פונ די פארוווּנדעטע, נאָר אויכ זייער לעבנ ביז דער מילכאָמע אונ אפנ פראָנט.

אָט דערציילט כאנע פרומינ די געשיכטע פונעמ לייטענאנט סייקינ. סייקינ איז פארוווּנדעט געוואָרנ אינ דער רעכטער האנט. ליגנדיק א פארוווּנדעטער אפנ פעלד, האָט ער מיטאמאָל באמערקט, אז צו אימ דערנעענטערנ זיכ צוויי דייטשנ. סייקינ האָט זיכ באלד פארשטעלט פאר א טויטנ. די דייטשנ האָבנ געהאט א גאנצ „אומשולדיקנ" פארלאנג — זיי האָבנ געוואָלט אראָפציִענ פונ סייקינענ זיינע שטיוול. די מאראָדיאָרנ האָבנ זיכ באלד גענומענ צו דער ארבעט, אָבער סייקינ האָט זיכ איינגעשפארט אינ די שטיוול מיט די פינגער פונ די פיס, אונ די רויבער האָבנ זיכ ניט געקאָנט קיינ אייצע געבנ. זיי האָבנ, קענטיק, באשלאָסנ, אז די פיס זיינענ שוינ פארגליווערט געוואָרנ, אונ די שטיוול זיינענ צו זיי צוגעפרוירנ. די דייטשנ איז דערעסנ געוואָרנ צו קעמפנ מיטנ טויטנ קערפער. זיי זיינענ אוועקגעגאנגענ. דאנ האָט סייקינ אוועקגעפויזעט. די לינקע האנט האָט ער די גאנצע צייט געריבנ אָנ דעמ ווארעמענ לייבל, דערפאר איז זי באַ אימ ווייניק אָפגעפרוירנ געוואָרנ. די רעכטע פארוווּנדעטע האנט האָט ער ניט געקאָנט באוועגנ אונ דערפאר האָט זיכ באקומענ אנ אָפפרירונג פונ דער דריטער שטופע. אזוי האָט געפויזעט דער לייטענאנט סייקינ 20 שאָ נאָכאנאנד מיט אנ אָפגעפרוירענער שווארצער האנט, ביז אונדזערע האָבנ אימ געפונענ אונ געגעבנ הילפ. אינ די הענט פונעם פראָפעסאָר פרומינ איז סייקינ ארייַנגעפאלנ אינ א האָפענונגסלאָזנ צושטאנד. עס האָט זיכ שוינ געהאנדלט ניט וועגנ ראטעווענ די האנט, נאָר וועגנ ראטעווענ דאָס לעבנ.

— די דלאָניע איז אויסגעקומענ צו אמפוטירנ, — זאָגט מיט באַדויערונג דער פּראָפעסאָר. — אָבער סייַקינ לעבט און ארבעט, — גיט זי צו מיט באפרידיקונג.

צום פּראָפעסאָר פרומינ פאלנ אריינַ די סאמע שווערע קראנקע, דאָסראָוו מענטשנ מיט קאָמפּליצירטע איבערברוכנ פונ די בעקנ-ביינער און מיט געפערלעכ פארוווּנדעטע הענט און פיס. פרומינ קאָנ שטאָלצירנ ניט מיט איינ רויטארמייער, וואָס זי האָט ארויסגעריסנ באמ טויט.

צו אמפוטאציעס קומט אָנ דער פּראָפעסאָר כאנע פרומינ זייער זעלטנ, בלויז דעמלט, ווענ ס'איז שוינ אינגאנצנ אומעגלעכ צו געפינענ אנ אנדער אויסוועג. ווענ צו איר ווענדנ זיכ קראנקע, וואָס זייַנענ פארצווייפלט פונ דעמ, וואָס זיי וועלנ מוזנ פארלירנ א האנט, צי א פוס, זאָגט זי צו זיי:

— נו, אמפוטירנ וועלנ מיר נאָכ באוויַיזנ. מע דארפ פריִער פרווונ אויסהיילנ.

איכ בלייַב אליינ אינ דער פאלאטע מיט די פארוווּנדעטע. פרומינ האָט קיינ צייַט ניט. עס ווארט אופ איר דאָס אָפּעראציע-צימער. וועגנ פרומינס ארבעט דערציילט מיר אלעקסאנדר פעדאָטיטש זשירנאָוו, א מענטש מיט א קלוג אינטעליגענטיש פּאָנעמ. ער איז פארוווּנדעט אינ דער לינקער זייַט. זייַנ שאָכנ פונעמ דערבייַיקנ בעטל ווענדט זיכ צו אימ זייער ערנסט:

— דערצייל, סאשע, וועגנ פּראָפעסאָר פרומינס ארבעט אינ אונדזער אלעמענס נאָמענ, לאָז גאָרנישט דורכ.

אלעקסאנדר פעדאָטיטש דערציילט:

— אלע דאָקטוירימ האָבנ אויסגעפונענ, אז מע מוז מיר אָפּשנייַדנ דעמ לינקנ פוס. מיר אליינ האָט זיכ שוינ אויכ אזוי געדוכט. נו, וואָס זאָל מענ דאָ טאָנ? די מעדיצינ קאָנ ניט לעבעדיק מאכנ א שטיק מענטשלעכ לייַב, פונ וועלכנ עס איז שוינ געווארנ עפּעס א מינ קאשע. אנא יעפרעמאָוונא גיט זיכ אָבער ניט אונטער. זי האָט באשלאָסנ צו מאכנ פונ מיר צוריק א ייִד. און אָט ריר איכ שוינ קימאט פרייַ מיט פוס און האָפ נאָכ זיכ אומקערנ צוריק אפנ פראָנט. איכ בינ בא אנא יעפרעמאָוונא ניט דער איינציקער. זי האָט אומגעקערט דער רויטער ארמיי הונדערטער קעמפער.

— אנא יעפרעמאָוונא, — דערציילט וויַיטער אלעקסאנדר פעדאָטיטש, — שאנעוועט ניט איר געזונט. דאָ ניט לאנג האָט מענ זי ארויסגערופנ קיינ קויבישעוו אפ אנ ערנסטער אָפּעראציע. אומגעקערט זיכ



קיינ אלמא-אטא, איז אנא יעפרעמאָוונא באלד פונעמ צוג געקומענ אינ שפּיטאָל און האָט אָפּגעארבעט ביז שפּעט באנאכט.

— ווענ איכ בינ געווענ געפערלעכ, — זאָגט א צווייטער פארוווּנדעטער, — איז דער פּראָפעסאָר פונ מיר ניט אָפּגעטראָט א גאנצע נאכט. זי האָט אפילע מיכ איבערגעבונדנ מיט די אייגענע הענט. קיינ שוועסטער האָט זי צו מיר ניט צוגעלאָזט.

אינעמ פענצטער, וואָס גייט ארויס אפ דער וועראנדע, באוויַיזט זיכ א יונגער בלאָנדער קאָפּ. די לעבעדיקע פארבנ אינעמ פּאָנעמ פונעמ דאָזיקנ רויטארמייער זאָגנ איידעס וועגנ דעמ, אז ער איז שוינ קימאט אינגאנצנ געזונט. ער הערט זיכ צו א פּאָר מינוט צו דעמ שמועס און פירט מיטאמאָל אונטער א סאכאקל מיט עכט יוגנטלעכער אנטשלאָסנקייַט:

— וואָס איז דאָ פאראנ א סאכ צו ריידנ? ווער עס פאלט אריַינ צו אנא יעפרעמאָוונא, דער וועט בלייַבנ מיט הענט און מיט פיס.

איכ גיי ארויס אינ קאָרידאָר. מיט מיר פארפירט א שמועס יעגאָר איוואנאָוויטש יעווגלעווסקי, א קאָלווירטלער פונ אונטער ריאזאנ. אימ ווילט זיכ אויכ זאָגנ א גוט וואָרט וועגנ אנא יעפרעמאָוונא. יעגאָר איוואנאָוויטש דערציילט זייער גענוי וועגנ דעמ אומגליקלעכנ גורל פונ זייַנ רעכטער האנט נאָכ דער פארוווּנדונג:

— געהאנגענ איז בא מיר די האנט אפ א פעדעמל. וואָס פארא נוצנ האָב איכ שוינ געקאָנט פונ איר האָבנ? כאָטש שנייַד זי אָפּ און ווארפ ארויס, כאָטש שלעפּ זי מיט זיכ. און איצט...

יעגאָר איוואנאָוויטש הייבט אָנ צו באוועגנ מיט דער רעכטער האנט און קוקט אפ איר לאנג, לאנג, ווי ער וואָלט אליינ ניט געגלייבט אינ זייַנ גליק. ער ציט צוריק אינ פארלעגנהייַט זייַנ האנט, פארשעמענדיק זיכ פאר כאנע פרומינ, וועלכע קומט אָנ מיט אייַליקע טריט. זי גייט אריַינ אינ א פאלאטע, ווו עס ליגנ שווערע קראנקע. זי בלייַבט א רעגע שטיינ פארטראכט.

די קליינע ייִדישע פרוי מיטנ ראָזנ פּאָנעמ און וויַיסנ קאָפּ שטייַט ארומגערינגלט פונ שפּיטאָל-בעטנ, אפ וועלכע עס ליגנ וווּקסיקע ברייטפּלייציקע מענער, מיט צעקאליעטשעטע הענט, געוווינטע צו ארבעט, און מיט צעבראָכענע פיס, געוווינטע צו גיינ נאָכנ אקער אינ פעלד, אפ א פרייַנטלעכער באגעגעניש אינ א יאָמטעוו-טאָג, אָדער אינ א פראנטוואָרטלעכער שליכעס אפנ פראָנט. די הילפלאָזע וווּקסיקע מענער קוקנ אפ דער קליינער פרוי מיט קינדערש-פארליבטע, גלייביקע אויגנ. זיי דוכט זיכ, אז עס זייַנענ גאָר ניטאָ אזעלכע

מענטשלעכע לײדן אױף דער ערד, װעלכע די דאָזיקע פֿרױ זאָל ניט קאָנען לינדערן.

דער פּראָפֿעסאָר איז געװױנט צו אַזעלכע פֿאַרליבטע בליקן, אָבער גאָר פֿון אַנדערע פּאַציִענטן. ערשט דאָ ניט לאַנג האָט פּרומינס װײַסער כאַלאַט געשװעבט צװישן קלײנע קינדער, װעלכע זי פֿלעגט ברענגען הײלונג און פֿרײד. דאָס איז געװען אין קיִעװ, װוּ זי האָט יאָרנלאַנג פֿאַרװאַלטעט מיטן אינסטיטוט פֿון אָרטאָפּעדיע און טראַװמאַטאָלאָגיע פֿאַר קינדער. זי איז געװען אײנע פֿון זײַנע אָרגאַניזאַטאָרן אין די שװערע יאָרן פֿון בירגערקריג, און פֿון יוני 1919 ביז יולי 1941 אָפּגעאַרבעט אין אים מיט דער גאַנצער געטרײַשאַפֿט, װעלכע איז פֿאַר איר אַזױ כאַראַקטעריסטיש. געקומען קײן אַלמא-אַטא, האָט כאַנע פּרומין אַ געװיסע צײַט פֿאַרװאַלטעט מיט אַן אָפּטײלונג אין טוב.-אינסטיטוט. נאָר עס האָט זי געצױגן צו פֿאַרװוּנדעטע און זי האָט זיך אַלײן געװענדט אין װאָיענקאָמאַט, מע זאָל זי אַריבערפֿירן אױף אַרבעט אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. איר גרױס װיסן און איר גרױסע מעדיצינישע דערפֿאַרונג האָבן דאָ װירקלעך געבראַכט זײער גרױסע נוצן. דער פּראָפֿעסאָר כאַנע פּרומין איז אַ טײַערער פֿרײַנט פֿון הונדערטער פֿאַרװוּנדעטע רױטאַרמײער. זי העלפֿט זײ ניט בלױז מיט איר װוּנדערלעכער קונסט, נאָר אױך מיט אַ טרײסט-װאָרט און מיט מוטערלעכער צערטלעכקײט אין אַלע זײערע שװערע מינוטן.

צו באַהעפֿטן װיסן, מײַסטערשאַפֿט און טיפֿע מענטשלעכקײט לערנט כאַנע פּרומין אירע סטודענטן פֿונעם קאַזאַכסטאַנער מעד.-אינסטיטוט, װוּ זי פֿירט דעם קורס פֿון אָרטאָפּעדיע און טראַװמאַטאָלאָגיע, אױך די יונגע דאָקטױרים, װעלכע אַרבעטן אונטער איר אָנפֿירונג. ניט אומזיסט שרײַבט צו איר פֿון פֿראָנט דער יונגער באַגאַבטער דאָקטער ל.:

„טײַערע אַנאַ יעפֿרעמאָװנאַ!

איך דערמאָן אײַך מיט גרױס דאַנקבאַרקײט צו עטלעכע מאָל אין טאָג. ערשט איצט האָב איך רעכט פֿאַרשטאַנען, װיפֿל כ'האָב פֿון אײַך געלערנט. כ'װעל זיך באַמיִען דערפֿאָלגרײַך אױסנוצן אױפֿן פֿראָנט דאָס, װאָס איך האָב פֿון אײַך באַקומען".

אָט אַזױ אַרבעט אין די טעג פֿון דער גרױסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע דער פּראָפֿעסאָר — כירורג כאַנע פּרומין, און די דאַנקבאַרקײט פֿון פֿאָלק באַגלײט אירע טריט.

לױב צו דער פֿרױ אינעם װײַסן כאַלאַט.

———★★★———



# אַ שװעסטער

די לעצטע צען יאָר האָט די שװעסטער זאַטוטשנע געאַרבעט אינעם פֿיזיאָטעראַפּעװטישן קאַבינעט פֿונעם לערמאָנטאָװ-קוראָרט אין אָדעס. הונדערטער קראַנקע האָבן זיך געביטן אױפֿן קוראָרט, און די שװעסטער האָט זײ אַלעמען טרײַ און ציכטיק באַדינט און באַגלײט און באַגעגנט נײַע. ניט אײן פֿרײַנט האָט זי באַקומען צװישן די קראַנקע, װעלכע האָבן דערמאָנט איר נאָמען מיט דאַנקבאַרקײט. זאַטוטשנע אַלײן אָבער האָט זיך קײנמאָל ניט פֿאַרטראַכט װעגן דעם, אַז זי צײכנט זיך אױס אין איר אַרבעט, אַז זי פֿאַרדינט דאַנקבאַרקײט.

שױן 25 יאָר, פּונקט אַ העלפֿט פֿון איר לעבן, אַרבעט סאָפֿיע זאַטוטשנע אַלס מעדיצינישע שװעסטער. 25 יאָר אײַלט זי מיט שנעלע טריט איבער לאַנגע שפּיטאָל-קאָרידאָרן, װעלכע פֿירן אין איר קאַבינעט, װוּ זי פֿילט זיך, װי אַ געניטע װירטן. אירע פֿלינקע הענט שליסן אײַן און שליסן אױס מיט זיכערקײט פֿאַרשײדענע עלעקטרישע מאַשינעס, װעלכע ברענגען פֿאַרלײַכטערונג לײַדנדיקע קראַנקע מענטשן. סאָפֿיע זאַטוטשנעס הענט זײַנען װי שרױפֿן פֿון אַ מעכאַניזם. זײ זײַנען אָבער אױך װײך און װאַרעם, װי עס קאָנען נאָר זײַן װײך און װאַרעם הענט פֿון אַ ליבנדיקער מוטער.

ס'האָט אױסגעבראָכן די מילכאָמע. דעם 13־טן יולי האָבן די פֿאַשיסטישע באַנדיטן אָנגעהױבן באָמבירן אָדעס. פֿאַר די פּאַציִענטן פֿונעם לערמאָנטאָװ-קוראָרט האָבן פֿון דעם מאָמענט אָן זײערע שװערע קראַנקײטן שױן פֿאַרגעשטעלט די קלענסטע געפֿאַר. דער טױט האָט אױף זײ געלױערט אינדרױסן. דערצו האָבן נאָך פֿיל פֿון זײ באַלד, אין די ערשטע טעג פֿון דער מילכאָמע, פֿאַרלאָרן זײערע פֿאַמיליעס. זײ האָבן שױן ניט געהאַט װוּהין און צו װעמען זיך אומצוקערן.

אין די דאָזיקע גרױזאַמע טעג האָט די שװעסטער זאַטוטשנע זיך אַריבערגעקליבן ענדגילטיק אין שפּיטאָל. אַהײם פֿלעגט זי זיך װײַזן אײן מאָל אין דרײַ — פֿיר טעג אױף אַ פּאָר שעה. די אַרבעט אױפֿן קוראָרט איז געגאַנגען קימאַט אינגאַנצן רעגולער. די שװעסטער זאַטו-

טשנע פלעגט טרײַ דורכמאַכנ מיט די קראַנקע אַלע נייטיקע פראָצעדורנ, אָבער אירע פליכטנ זײַנענ מיט יעדנ טאָג אַלצ פאַרברייטערט געוואָרנ. אָט האָט א גאַזלאָנישע באָמבע צעשמעטערט א געדיכט באַוווינט הויז ניט ווײַט פונעם קוראָרט. דאָ האָט שוינ די שוועסטער זאַטוטשנע געאַרבעט ניט לויט איר ספּעציאַליטעט. זי האָט פאַרהאַלטנ דאָס בלוט, וואָס האָט געטריפט פונ פרישע וווּנדנ, זי האָט איבערגעבונדנ צעקאַליעטשעטע מענטשלעכע גלידער. אפנ קוראָרט גופא איז שוינ אויכ אויסגעקומענ גאָר אפ אַנ אַנדער אופנ צו באַגיינ זיכ מיט נערוונ- אונ האַרציק-קראַנקע מענטשנ, וועלכע האָבנ פּלוצלינג, אומגעריכט פאַרלאָרנ זייער היים, זייער ווײַב אונ קינד.

צי האָט עמעצער פונ די קראַנקע געוווּסט, אַז דער שוועסטערס האַרצ ווערט אויכ צעריסנ פונ פערזענלעכנ צאַר? צי האָט עמעצער געזענ אינ יענע טעג א טרער אינ אירע אויגנ? די שוועסטער זאַטוטשנע האָט פונ פרי ביז שפּעט אינ דער נאַכט רויִק באַדינט די קראַנקע אונ בלויז אינ די שלאָפלאָזע נעכט האָט זי זיכ דערלויבט צו טראַכטנ וועגנ אירע צוויי טעכטער, פונ וועלכע זי האָט דאַנ ניט געהאַט קיינ שום יעדיִעס.

דעם 30-טנ יולי האָט זיכ דער קוראָרט עוואַקויִרט. די לײַכטע קראַנקע זײַנענ אַליינ אַוועקגעפאָרנ. די שווערע קראַנקע איז אויסגעקומענ אַרויסצופירנ פונ שטאָט. דעם עשעלאָנ האָבנ באַגלייט איינ דאָקטער, איינ סאַניטאַרקע אונ די שוועסטער זאַטוטשנע. דער דאָזיקער קאָלעקטיוו האָט אינ מעשעכ פונ 8 טעג מעסירעסנעפעשדיק באַדינט אינ די שווערסטע באַדינגונגענ פונ עוואַקואַציע 63 דערוואַקסענע ליגנדיקע קראַנקע אונ 43 קראַנקע קינדער.

יעדנ טאָג זײַנענ אפ יעדער גרעסערער סטאַנציע שנעל אַראָפּגעשפּרונגענ פונ א טעפּלושקע-וואַגאָנ דרײַ פרויענ אינ ווײַסע כאַלאַטנ אונ האָבנ דאָ דערבײַ צעלייגט א שײַטער אפ צו קאָכנ שפּײַז פאַר זייערע קראַנקע; יעדנ טאָג אפ יעדער סטאַנציע זײַנענ דרײַ פרויענ אינ ווײַסע כאַלאַטנ געלאָפנ צווישנ די לאַבירינטנ פונ לאַנגע צוגנ מיט לאַסט-וואַגאָנעס אונ איבערגעלאָדענע עשעלאָנענ מיט פולע עמערס וואַסער אינ די הענט אפ אַרומצוּוואַשנ זייערע קראַנקע. דער מיטיק איז קימאַט שטענדיק געווענ גרייט צו דער צײַט, אונ די קראַנקע זײַנענ געווענ ריינ אַרומגעוואַשנ. דערבײַ האָבנ זיי באַקומענ אויכ די עלעמענטאַר-נייטיקע מעדיצינישע הילפ.

אינעם וואַגאָנ איז רויִק. די קראַנקע שלאָפנ. נאָכ מיטיק. דער צוג שטעלט זיכ אָפּ. אינ דרויסנ הערנ זיכ אויפגערעגטע שטימענ. עמעצער לויפט דורכ פאַרבײַ מיט שנעלע פאַרזאָרגטע טריט. פונעם



אַנטקעגנ-שטייענדיקנ עשעלאָנ דערטראָגט זיכ א שאַרפער געשריי, די שוועסטער זאַטוטשנע פרעגט ניט קיינ קאַשעס אונ וואַרפט זיכ באַלד אַהינ. דאָרט נייטיקט מענ זיכ אינ איר הילפ. א פרוי האָט פריצײַטיק געבוירנ.

דער וואַגאָנ מיט די קראַנקע פאַרמאָגט אַנ אינערלעכ לעבנ. ער קאָנ זיכ אָבער ניט אָפּצאַמענ פונעם דרויסנ. דער מילכאָמע-שווידער קלאַפּט אינ די טירנ אונ דערמאָנט וועגנ זיכ קעסיידער. אינ א שכייִנעסדיקנ וואַגאָנ פײַניקט זיכ א פרוי פונ א היסטעריע-אָנפאַל. זי פאַרכלינעט זיכ פונ ביטערנ געוויינ אונ פונ אומזיניקנ געלעכטער. די פרוי האָט פאַרלאָרנ איר קינד. די פרוי האָט קיינמאָל אינ לעבנ ניט געליטנ אפ היסטעריע, אונ זי הערט זיכ אַליינ צו א דערשראָקענע, מיט פאַנאַנדערגעעפנטע ווילדע אויגנ צו די קלאַנגענ פונ צעקנאַקטנ גלאָז, וואָס רײַסנ זיכ פונ איר גאָרגל. אונ זי וויינט, אונ זי לאַכט... די שוועסטער זאַטוטשנע האָט אויכ פאַרלאָרנ יעדנ שפּור פונ אירע קינדער, אָבער... די קראַנקע נייטיקט זיכ אינ הילפ, אונ די שוועסטער העלפט, העלפט דעם גאַנצנ וועג, ווו אונ וועמענ זי קאָנ.

דער עשעלאָנ מיט די קראַנקע איז דערפאָרנ צומ אָנגעמערקטנ פונקט. די שוועסטער זאַטוטשנע צעזעגנט זיכ מיט זיי אונ פאָרט אַוועק קיינ אַלמא-אַטא.

קיינ אַלמא-אַטא הייבנ דאַנ ערשט אָנ אָנצוקומענ די ערשטע עשעלאָנענ מיט פאַרוווּנדעטע. די שוועסטער זאַטוטשנע קומט אָנ אפ אַרבעט אינ א מיליטערישנ שפּיטאָל. זי נעמט זיכ באַלד פאַר דער אָרגאַניזאַציע פונ פיזיאָטעראַפּעווטישנ קאַבינעט, אינ וועלכנ די פאַרוווּנדעטע האָבנ זיכ שטאַרק גענייטיקט. יעדע קלייניקייט אינעם דאָזיקנ קאַבינעט, יעדע דעטאַל פונ זײַנ אויסשטאַטונג איז דורכגעגאַנגענ דורכ דער שוועסטערס הענט. א דאָקטער, א פיזיאָטעראַפּעווט איז שווער געווענ די ערשטע צײַט צו קריגנ, אונ די שוועסטער זאַטוטשנע האָט גענומענ אפ זיכ די אַכרײַעס אָנצופירנ אַליינ צײַטווײַליק מיטנ קאַבינעט. נעמענדיק אינ אַכט איר גרויסע דערפאַרונג אונ א בערגעגעבנקײַט, האָט מענ עס איר דערלויבט. אינ מעשעכ פונ פיר כאָדאָשים האָט די שוועסטער געאַרבעט איינע אַליינ אינעם קאַבינעט אונ האָט אימ די גאַנצע צײַט מיט גרויס ליבע אַלצ מער באַרײַכערט. פיל נוצנ האָט די שוועסטער געבראַכט די פאַרוווּנדעטע, אונ די קאָמאַנדשאַפט פונ שפּיטאָל האָט איר אַרויסגעטראָגנ א באַזונדער דאַנק.

דאָ, אינעם שפּיטאָל, האָט די שוועסטער זאַטוטשנע זיכ ווידער געפונענ א היים. ווידער שליסנ אײַנ אונ שליסנ אויס אירע פלינקע,

רוִיקע הענט דעם עלעקטרישן שטראָם, וואָס ברענגט היילונג הונדערטער מענטשן, צעקאַליעטשעטע פון דער מילכאָמע. די שוועסטער זאַטושנע קען מען אויך אין אַנדערע שפּיטאָלן. ביכלאַל פילט זי זיך אין אַלמאַ-אַטאַ, ווי אַן אַלטער טוישעוו. זי איז אויסגעוויילט און אַרבעט אַקטיוו אינעם אַלשטאָטישן ראַט פון די מעדיצינישע שוועסטער.

די שוועסטער זאַטושנע איז איבעראַשט פון דעם, וואָס איר אַרבעט און אויפפירונג רופן אַרויס אַנציקונג. זי האַלט זיך קלאַל ניט פאַר קיין העלדן.

— אויפן פראָנט בין איך ניט געווען...— כאַזערט זי פאַר מיר שטיל איבער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד.

און עפּשער איז טאַקע זאַטושנע ניט קיין העלדן, ווײַל אָט, זיצנדיק מיט מיר אין אַ ליידיקן צימער, — אויסער אונדז ביידן איז קיינער ניטאָ, — באַגיסט זי זיך מיט טרערן, ווי גאָר אַ פּאָשעטע יידישע מאַמע. גראָד איצט, ווען סאָפיע זאַטושנע האָט אָפּגעזוכט אירע צוויי טעכטער און מיט איינער פון זיי לעבט זי צוזאַמען אין אַלמאַ-אַטאַ, וויינט זי, שעמענדיק זיך פאַר מיר און פאַר זיך אַליין, בלויז באַם דערמאָנען זיך דאָס איבערגעלעבטע. טרערן רופן בא איר איצט אַרויס די אומצאָליקע מענטשלעכע קערפּערס, צעריסענע פון באָמבעס, דאָס פּריצײַטיק געבוירענע קינד אין וועג, די האַרץ-קראַנקע, וואָס האָבן פאַרלאָרן זייער היים.

ווען איך געזעגן זיך מיט דער שוועסטער זאַטושנע, זײַנען אירע אויגן שוין טרוקן. זי איז ווידער רוִיק און קאָנצענטרירט. זי גייט צו דער אַרבעט, און דאָרט איז זי אַ העלדן. דאָרטן וועט זי ווידער פאַראַקשנט קעמפן פאַרן לעבן און געזונט פון יעדן סאָוועטישן שלאַכטמאַן. זי גייט אים אַנטקעגן מיט אירע געניטע הענט און וואַרעם האַרץ.

---

# דאָס זײַנען בלויז עפּיזאָדן

— לאָמיך כאָטש איין מאָל זײַן אַ העלד, — דאָס איז לאָטע שניירס באַליבטער אויסדרוק. יעדעס מאָל, ווען איר איז אויסגעקומען צו שטעלן דאָס לעבן אין קאָן, האָט זי איבערגעכאַזערט די דאָזיקע ווערטער, ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין כעזשבן, אַז זי איז שוין ווײַט ניט איין מאָל געווען אַ העלד.

לאָטע שנייער איז מאָביליזירט געוואָרן אַלס מעדיצינישע שוועסטער אין אַ פעלד-שפּיטאָל דעם 22-טן יוני 1941 יאָר, דעם ערשטן טאָג פון דער מילכאָמע, און אָט זײַנען אייניקע עפּיזאָדן פון איר אַרבעט.

אונטער פּערוואָמײַסק. די לאַגע איז זייער אָנגעשטרענגט. דער פײַנט גרײַפט אָן. לאָטע שנייער אַרבעט אַ גאַנצע נאַכט, ניט רוענדיק קיין איין מינוט. אינדערפרי ווערט די לאַגע נאָך אָנגעשטרענגטער. עס גרײַפן אָן טאַנקען. די גאַנצע געגנט ווערט באַשאָטן מיט באָמבעס, מיטן פײַער פון מינענוואַרפערס, ס'קומט אָן אַ באַפעל אַרויסצופירן די פאַרוווּנדעטע. מע לייגט זיי אַרויף אויף מאַשינעס, וועלכע ס'האָט זיך אײַנגעגעבן צו ראַטעווען פון די באָמבעס. פאַר אַלעמען איז ווייניק אָרט. לאָטע שנייער קלײַבט אויף 14 פאַרוווּנדעטע, וואָס זײַנען בעקויעך צו באַוועגן זיך, און לאָזט זיך מיט זיי גיין. באַטאָג מוז מען ליגן אויף דער ערד, קעדיי אויסצובאַהאַלטן זיך פון עם פײַער. באַנאַכט גייט מען פאָרויס. די פאַרוווּנדעטע זײַנען מיד. אייניקע הייבן אָן אָפּצושטיין. מע מוז זיי אויפמונטערן, זיי זאָלן זיך ניט אָפּלאָזן און ניט איבערבלײַבן אַליין אויפן וועג. נאָר אָט איז מען דערגאַנגען צו אַ קאָלווירט. די פאַרוווּנדעטע ווערן פרייִלעכער. דאָ זעט מען פרײַנטלעכע פּנעמער. דאָ שמעקט מיט היים. פרויען גייען צו נאָענט צו די פאַרוווּנדעטע, באַטראַכטן זיי מיט באַדויערונג, פרעגן זיי פאַנאַנדער, צי האָבן זיי אינערגעץ ניט געטראָפן זייערע קרויווים און באַקאַנטע. מע טראָגט זיי צו שפּײַז, און איינע אַ באַיאָרטע פרוי זאָגט:

— איך גיב אײַך און איך האָף, אַז אויב מײַן זון וועט זיך געפינען אין אַ נויט, וועט מען אים אויך אויסהעלפן.

לאָטענ גיט זיכ אײַנ צו קריגנ אינ דעמ קאָלווירט פורנ. זי אָרדנט אײַנ די פארווונדעטע אונ זעצט זיכ אוועק אפ אײנער פונ די פורנ פאר א קוטשער. לאָטע שנײער האָט נאָכ קײנמאָל אינ לעבנ ניט געהאט צו טאָנ מיט קײנ פערד. זי ציט די לײצעס, זי וויאָקעט, זי שמײַסט. דאָס פערדל אָבער מאכט זיכ פונ גאָרנישט ניט וויסנדיק. לאָטע וויל פאָרנ רעכטס, גײט עס דאפקע לינקס, אונ פארקערט. אזוי איז מענ געפאָרנ, ביז מע איז צוגעקומענ צו וואָזנעסענסק. דאָ איז ערשט געווענ א באָמבירונג, אונ די שטאָט איז געווענ ארומגעכאפט פונ אלע זײַטנ מיט א מוירעדיקנ פלאמ.

לאָטעס אופמערקזאמקײַט האָט צוגעצויגנ א ברענענדיק הויז, וווּ דער סופיט האָט שוינ אָנגעהויבנ אײַנצופאלנ. איבער דער טיר פונעמ דאָזיקנ הויז האָט זיכ געוויגט אנ איבערגעקערט שילד, וואָס האָט זיכ געהאלטנ אפ אײנ טשוועק. אפנ שילד איז געווענ אופגעשריבנ בלויז אײנ וואָרט: Аптека. לאָטע האָט געוואָרפנ א בליק אפ די אויסגעמאטערטע פינצטערע פּנעמער פונ די פארווונדעטע. זי האָט געזענ בא אײניקע פונ זײ אָפענע פארשטויבטע וווּנדנ, וואָס האָבנ שווארצ געבלוטיקט. די פריערדיקע באנדאזשנ זײַנענ פארוואנדלט געוואָרנ אינ צעדריבלטע שמוציקע שמאטעס. „לאָמיכ כאָטש אײנ מאָל זײַנ א העלד" — האָט מיסטאמע א טראכט געטאָנ אינ דער מינוט, ווי געוויינלעכ, לאָטע שנײער. מע האָט זיכ ניט באוויזנ ארומצוקוקנ, ווי לאָטע איז ארײַנגעשפרונגענ אינ ברענענדיקנ הויז. אינ א פאָר מינוט ארומ האָט זי זיכ באוויזנ אינ א געדיכטנ קוויל רויכ מיט א היפשנ פאק אינ די הענט. ווענ מע האָט פאנאנדערגענומענ דעמ פאק, האָט מענ באנאנד מיט מארליע, באנדאזשנ, וואטע אונ אײניקע זײער נוצלעכע מעדיקאמענטנ געפונענ אויכ א פעקעלע פודרע אונ ליפנ-פּאָמאדע. אפ די פרעגנדיקע בליקנ פונ אירע פארווונדעטע כאוויירימ האָט לאָטע שנײער געענטפערט:

— אויב מײַנ קאָפּ וועט באשערט זײַנ אראָפּצופליִענ, טאָ זאָל עס כאָטש זײַנ א שײנער קאָפּ.

אפנ פוסטנ פלאצ פונ דער ברענענדיקער שטאָט וואָזנעסענסק האָט לאָטע שנײער צעלײגט אירע פארווונדעטע אונ יעדערנ באזונדער איבערגעבונדנ די וווּנדנ. נאָכדעמ האָט מענ זיכ ווידער געלאָזנ אינ וועג. נײַנ טעג איז ארומגעפאָרנ לאָטע שנײער מיט די פארווונדעטע, ביז זי איז דערפאָרנ צו א דאָרפ, וווּ ס'האָט זיכ געפונענ א מעדיצינישער-סאניטארער באטאליאָנ. דאָ האָט זי איבערגעגעבנ די פארווונדעטע אונ איז געבליבנ ארבעטנ אפ דער פאָדערשטער פײַערליניע.



לאָטע שנײער האָט טרײַ אונ איבערגעגעבנ געארבעט אינעמ מעדיצינישנ-סאניטארנ באטאליאָנ. דער באטאליאָנ האָט זיכ באוועגט צוזאמענ מיט אונדזערע טײלנ אפ די געפערלעכסטע ערטער אונ האָט אומדערמידלעכ ארויסגעצויגנ פונעמ פײַער פארווונדעטע רויטארמײער. אונטער ניקאָלײַעוו — כערסאָנ איז דער באטאליאָנ ארײַנגעפאלנ אינ אנ ארומרינגלונג. דער פראָנט איז פונ אלע זײַטנ קימאט געווענ ניט ווײַטער פונ 3—4 קילאָמעטער. א דורכויסיק פײַער פונ באָמבעס, מינענווארפערס אונ ארטילעריע.

הײַנט איז די ריי פונעמ דאָקטער נ. צונויפצונעמענ די פארווונדעטע פונעמ פעלד. דאָס פײַער אָבער ווערט ניט איבערגעריסנ אפ קײנ אײנ מינוט פונ בײדע זײַטנ. לאָטע קוקט זיכ ארומ. דער דאָקטער איז דערבײַ ניטאָ. מיסטאמע איז ער פארנומענ מיט עפּעס וויכטיקס, טאָ פארוואָס זאָל לאָטע ניט גײנ צונויפנעמענ די פארווונדעטע? זי ווענדט זיכ צומ נאטשאלניק מיט אזא פאָרשלאָג. דער נאטשאלניק זאָגט איר שטרענג אָפּ: „וועסט גײנ אינ דײַנ ריי". אָבער לאָטע באשטײט אפ אירס:

— אנ אָפּעראַציע-שוועסטער האָט איר דאָ אויסער מיר נאָכ אײנע, אונ א דאָקטער איז בלויז אײנער. קײנער קאָנ אימ ניט פארבײַטנ. מע מוז שוינ גײנ. אפ א רויִקערנ מאָמענט איז הײַנט ניטאָ וואָס צו וואַרטנ.

ענדלעכ האָט לאָטע אויסגעפירט. זי האָט זיכ ארײַנגעזעצט אינ דער מאשינ אונ געלאָזנ זיכ אינ פײַער. אונ דאָ איז געשענ א וווּנדער. ס'איז מיטאמאָל שטיל געוואָרנ. לאָטע שנײער האָט צוזאמענ מיטנ שאָפער פונ דער מאשינ צונויפגענומענ אונ ארויסגעפירט פונעמ שלאכט-פעלד איבער 40 פארווונדעטע. אײניקע האָט זי באלד אפ אנ אָרט געגעבנ הילף.

ווידער זײַנענ געפלויגנ טעג פול מיט געפאר אונ מיט שווערער ארבעט. ס'האָט אָנגעהויבנ אויסצוגײנ די שפּײַז. אלצ, וואָס עס איז נאָכ פארבליבנ, האָט מענ זאָרגזאמ געטײלט די פארווונדעטע. די געזונטע, וואָס האָבנ זײ באדינט, האָבנ זיכ דערנערט מיט גראָז, מיט ווילדע געוויקסנ, מיטנ קארגנ גאָב פונ דער אויסגעבדענטער, אויסגעליידיקטער ערד. ענדלעכ האָט זיכ באוויזנ אינ הימל א סאָוועטישער עראָפּלאנ אונ געגעבנ א צײכנ, אז דער וועג איז אָפנ. דער מעדיצינישער-סאניטארער באטאליאָנ האָט זיכ געלאָזנ צוזאמענ מיט די פארווונדעטע אינ דער ריכטונג צומ ראיאָנ, וואָס די רויטע ארמײ האָט באפרײַט פונ די דײַטשישע באנדיטנ.

אין עטלעכע טעג ארום האָט לאָטע שנייער באקומען א קאָנטוזיע באם אופרײַס פון אן אוויִאבאָמבע. זי איז געוואָרן טויב און האָט אופגעהערט ריידן. און דאָ, ווו לאָטע האָט אזויפיל מענטשן געגעבן הילף, האָט מען אויך טרײַ געזאָרגט פאר איר. מע האָט זי געהיילט און געקליבן זיך עוואקויִרן זי אין ווײַטן הינטערלאנד. אין דרײַ טעג ארום אָבער האָט זיך צו לאָטען ביסלעכווײַז אָנגעהויבן אומקערן דאָס לאָשן, און אירע ערשטע דײַטלעכע ווערטער זײַנען געווען: „איר זאָלט גאָר ניט טראכטן צו עוואקויִרן מיך. פונדאנען גיי איך אין ערגעץ ניט אוועק“. לאָטע איז געבליבן און געזונט געוואָרן. אינגיכן האָט זי אופגעזוכט דעם פעלד־שפּיטאָל, ווו זי האָט פריִער געארבעט, און האָט זיך אהין אומגעקערט.

ס'גייט דורך א היפּשע צײַט. לאָטע ארבעט אין פארשיידענע געגנטן פון אוקראיִנע. זי ארבעט אונטער ראָסטאָוו אין די טעג פון די סאמע פארביטערטע שלאכטן. זי ארבעט זיבן מעסלעס נאָכאנאנד, ניט צומאכנדיק קיין אויג. פון צײַט צו צײַט זעצט זי זיך בלויז צו אף א קעסטל מיט מעדיקאמענטן און רוט עטלעכע מינוט מיט האלב־פארמאכטע אויגן. אָט אזוי ארבעט זי, ביז מע באפעלט איר קאטעגאָריש גיין שלאָפן. דאן פאלט זי אף דער ערד, בא דעם סאמע אָפּעראציע-טיש און שלאָפט אײַן, ווי א טויטע.

ווו איז לאָטע שנייער, דאָס טשערנאָוויצער מיידל, דורכגעגאנגען די שול פון העראָיִזם: צי אין איר שווערער יעסוימישער קינדהײַט, צי פאר די אָנדערהאלבן יאָר פונעם פרײַען לעבן בא דער ראטנמאכט?

עפּשער האָט זי געשטויסן אף מעסירעסנעפעש די ליבע צו דעם ייִדישן פאָלק און צו איר בארויבטן היימלאנד?

דאָס אלץ וועט קלאָר ווערן דאן, ווען מע וועט וועגן אזעלכע, ווי לאָטע שנייער, שרײַבן ניט קיין עפּיזאָדן, נאָר דיקע ביכער.



## גענדזן־שמאלץ

דער דאָקטער וואסיליעוו, דער שיינער בלאָנדער יונג, דער אלגעמיינער ליבלינג, האָט געגעסן ברויט מיט גענדזן-שמאלץ. ער האָט מיט א מעסער געלייגט אפן ברויט דיקע שיכטן שמאלץ, געפּאקט עס גלײַך אין מויל ארײַן און שנעל געשלונגען גאנצע שטיקער. ער איז געווען אזוי פארטאָן אין זײַן אָנגענומער ארבעט, אז ער האָט גאָר ניט געהערט, ווי ס'איז ארײַנגעקומען די שוועסטער דאָרע מארגאָלין. ער האָט זי באמערקט ערשט דאן, ווען איר קליינע, אָבער פעסטע האנט האָט זיך אײַנגעקלאמערט אין זײַן רעכטן אקסל.

— איר זײַט אן אויסוואורף, איר פארשטייט? שיסן דארף מען אײַך, שיסן! — האָט קוים ארויסגעדריקט פון זיך מיט בלייך געוואָרענע ליפּן די אכצניאָריקע שוועסטער. — איך וועל אײַך איבערגעבן צום טריבונאל... ווי נאָר מיר וועלן זיך ארויסרײַסן פון דער ארומרינגלונג...

די שוועסטער האָט אפן דאָקטער מער ניט געקוקט. זי האָט ארומגעבונדן מיט א ציכטיק טיכעלע דאָס ליימענע קריגעלע מיט דער איבערגעבליבענער שמאלץ, און דער דאָקטער האָט זיך בא איר געבעטן, זי זאָל אים מויכל זײַן, און קיינער זאָל פון דעם אלעמען ניט וויסן.

דאָס איז געשען אפן נײַנטן טאָג פון דער ארומרינגלונג. די שפּײַז האָט געהאלטן באם אויסגיין. קיין מעדיקאמענטן זײַנען קימאט ווי ניט געווען, און יעדן טאָג פלעגט מען ברענגען פונעם שלאכטפעלד רויטארמייער מיט אָפּגעפרוירענע גלידער. אָט פאר די רויטארמייער האָט עס די שוועסטער פארהיט דאָס טעפּעלע גענדזן־שמאלץ, וואָס זי האָט מיט גרויס מי ארויסגעקריגן בא א פויערטע.

דערמיט ענדיקט זיך אָבער ניט די געשיכטע פון דער גענדזן־שמאלץ. זי האָט געהאט א טראגישע פאָרזעצונג.

ארויסטראָגן די פארוואונדעטע פונעם פעלד איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אלץ שווערער. אף קיין מאָמענטן פון שטילשטאנד האָט מען זיך שוין מער ניט געקאָנט דערווארטן. טאָג און נאכט האָט

געשאָטן א דורכויסיק פײַער פון ביידע זײַטן. דאן האָט דער גאנצער מעדיצינישער קאָלעקטיוו גענומען לויט דער ריי גיין אפן פעלד, ניט רעכענענדיק זיך מיט קיינע אומשטענדן.

דאָרע מארגאָלין איז שטענדיק געגאנגען צוזאמען מיטן סאניטאר יערמאָלײַעוו, א רוסישן פויער פון א יאָר פופציק. יערמאָלײַעוו פלעגט זיך לאָזן אין וועג ארײַן מיט ברייטע פויערשע טריט, ווי ער וואָלט געגאנגען אין פעלד נאָכן אקער. דאָרע פלעגט זיך אײַליק באוועגן לעבן אים מיט דריבנע, פלינקע מיידלשע טריט. זי האָט ליב געהאט יערמאָלײַעווס רויִקייט און באדאכטקייט. אין די סאמע געפערלעכע מאָמענטן פלעגט יערמאָלײַעוו שנעל א ציי טאָן דאָרען פארן קלייד, זי זאָל זיך לייגן. אליין פלעגט ער פייל, ווי ניט ווילנדיק אראָפלאָזן זיך אפן דער ערד, וואָרטשענדיק אונטער דער נאָז: „פונעם טויט טאָר מען זיך ניט אויסבאהאלטן. ווער עס אנטלויפט פון אים, דעם לויפט ער נאָך“. אָט אזוי האָבן זיי ביידע צוזאמען ארויסגעפירט פונעם שלאכט-פעלד איבער פערציק פארווונדעטע.

אפן צוועלפטן טאָג פון דער ארומרינגלונג איז געקומען די ריי פונעם דאָקטער וואסיליעוו ארויסצוגיין אין פעלד. פאר די לעצטע עטלעכע טעג איז דער פריילעכער דאָקטער וואסיליעוו שטארק פארענדערט געוואָרן, ווי ס'וואָלט אים עפעס שווער געדריקט. ער האָט אויסגעזען ווי ניט אויסגעשלאָפן און דערשלאָגן.

— מיט אזא פאָנעם טאָר מען אונטער קוילן ניט גיין, — האָט שטיל א זאָג געטאָן יערמאָלײַעוו צו דער שוועסטער.

די שוועסטער האָט זיך א ציי געטאָן פאָרויס, ווי זי וואָלט עפעס געוואָלט זאָגן דעם דאָקטער, נאָר זי האָט זיך צוריקגעהאלטן. דער דאָקטער איז אוועק גלײַך אין פײַער ארײַן.

ס'איז דורכגעגאנגען א שאָ, און צוויי, און דרײַ... דער דאָקטער האָט זיך אלץ ניט אומגעקערט. דאָרען האָט ארומגענומען א דריקנדיקער אומרו. זי האָט זיך איבערגעקוקט מיט יערמאָלײַעוון, און ניט אויסרײדנדיק קיין וואָרט צווישן זיך, האָבן זיי זיך ביידע געווענדט צום נאטשאלניק נאָך א דערלויבעניש גיין זוכן דעם דאָקטער.

זיי האָבן אים געפונען א זיצנדיקן, אָנגעשפּארט אָן אן איינזאמען בוים. די רעכטע האנט איז הילפלאָז געלעגן אף זײַן קני, דער לינקער פוס איז געווען אומבאוועגלעך אויסגעצויגן, דאָס פאָנעם בלייך, ווי קאלך. קענטיק, אז ער האָט פארלאָרן א סאך בלוט. לעבן אים איז געלעגן אויסגעצויגן אף דער ערד א רויטארמייער



און האָט שטיל געקרעכצט. זײַן קאָפּ איז געווען פארבאנדאזשירט פון געניטע הענט.

דער סאניטאר און די שוועסטער האָבן געוואָלט אוועקלייגן דעם דאָקטער אפן טראָג-בעטל, נאָר ער האָט געזאָגט: „טראָגט פריִער אים אוועק. ער איז געפערלעכער“.

דאן האָבן יערמאָלײַעוו מיט דאָרען באשלאָסן צו דערטראָגן דעם פארווונדעטן רויטארמייער ביזן נאָענטסטן וועלדל, אוועקלייגן אים דערווײַל דאָרט אין א רויִק אָרט און אומקערן זיך נאָכן דאָקטער. ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום וועלדל, האָט א קויל פון א דײַטשישער קוקושקע געטראָפן דעם רויטארמייער אין בויך ארײַן, און באלד נאָכדעם איז אויך יערמאָלײַעוו געפאלן טויט.

דאָרע האָט ארײַנגעשלעפּט ביידע קערפּערס אין וואלד, האָט זיי אוועקגעלייגט הינטער א קוסט און געבליבן זיצן לעבן זיי, ניט זײַענדיק בעקויעך אָפּצורײַסן די אויגן פון יערמאָלײַעווס ליבן פאָנעם. דערנאָך האָט זי זיך אופגעהויבן פון אָרט, פארמאכט ביידע געשטאָרבענע די אויגן, א קוש געטאָן יערמאָלײַעוון אין שטערן ארײַן און געלאָזט זיך איינע אליין אפּ צוריק, צום דאָקטער.

איצט איז שוין וואסיליעווס פאָנעם געווען רויט פון פיבער און פון פראָסט, די אויגן האָבן קרענקלעך געגלאנצט:

— כ'האָב געוווּסט, אז דו וועסט נאָך מיר קומען, — האָט ער ארויסגעשטאמלט מיט פארטריקנטע ליפּן, — אָבער גיי אוועק פונדאנען. דו וועסט אומקומען איבער מיר. וועסט מיך אלציינס ניט דערשלעפּן. וואַרט נאָר, וווּ איז אהינגעקומען יערמאָלײַעוו? — האָט ער מיטאמאָל שנעל א פרעג געטאָן.

די שוועסטער האָט אָפּגעווענדט פון אים איר פאָנעם. דער דאָקטער האָט א ווײַלע געוואַרט, און ניט באקומענדיק קיין ענטפער, האָט ער מיד פארמאכט די אויגן.

דאָרע האָט געצווונגען דעם דאָקטער אופהייבן זיך פונעם אָרט. ער האָט זיך באוועגט פאָרויס, אונטערשפּרינגענדיק אפן איינציקן געזונטן פוס, אָנשפּארנדיק זיך מיט דער געזונטער האנט אָן איר אקסל. מאָמענטנווײַז האָט ער געפּויזעט אפן בויך. דער ווייטעק איז אָבער געווען אומדערטרעגלעך, און דער דאָקטער האָט עטלעכע מאָל פארלאָרן דעם באוווּסטזײַן.

— אליאָשע, ליבער, — האָט דאן געשעפּטשעט דאָרע, — שטארק זיך. ס'איז שוין ניט ווײַט. קום... לאָז זיך ניט אָפּ... — און הייסע טרערן האָבן זיך געקײַקלט איבער איר מיידלשן פאָנעם.

דער קראנקער איז אלצ מער אָפגעשוואכט געוואָרנ. די שוועס-
טער האָט אימ צוגעבונדנ צו זיכ מיט צוויי פאכנ אונ אוועקגעפוי-
זעט אזוי אפ אלע פיר. נאָר דאָ, שוינ הארט לעבנ וועלדל, האָט
איר עפעס א זעצ געטאָנ אינעמ לינקנ אקסל. די שוועסטער האָט
פארלאָרנ דעמ באוווסטזײַנ, אָבער וואסיליעוו איז באלד געקומענ צו-
זיכ. ער האָט מיט דער געזונטער האנט אונ מיט די ציינ אפסנײַ
איבערגעבונדנ די פאסנ, אונ פארטויבנדיק אינ זיכ דעמ שנײַדנדיקנ
ווייטעק אינ אלע גלידער, האָט ער גענומענ פויזענ פאָרויס, שלעפנ-
דיק מיט זיכ די שוועסטער. ער האָט דורכגעפויזעט עטלעכע מעטער
אונ איז געפאלנ מיטנ פאָנעמ אינ שניי.

אזוי זײַנענ זיי געלעגנ ביידע אפנ שניי, ביז מע האָט זיי גע-
פונענ. מע האָט זיי ארײַנגעטראָגנ אינ א פארלאָזטער פויערשער כא-
טע, אָפגעוואשנ אונ איבערגעבונדנ די וווּנדנ. דעמלט ערשט האָט
זיכ דאָרע דערוווּסט, אז דעמ דאָקטערס רעכטע האנט מיט די שיינע
לאנגע פינגער, וואָס אזעלכע האָט געקאָנט פארמאָגנ בלויז א מוזי-
קער, אָדער א כירורג, איז ניט נאָר פארווונדעט, נאָר אויכ אָפגע-
פרוירנ. א רויטע פארב האָט זיכ איר פלוצלינג א וואָרפ געטאָנ אינ
פאָנעמ אונ זי האָט שנעל אָנגעהויבנ עפעס צו זוכנ אינ איר סאני-
טארנ-בײַטל.

— אלעקסיי פעטראָוויטש, — האָט זי שעמעוודיק געזאָגט, — גיט,
איכ וועל אײַכ אויסשמירנ די האנט...

— מיט גענדזנ-שמאלצ? — האָט וואסיליעוו אינ פארלעגנהײַט אונ-
טערגעכאפט, — ניינ, מע דארפ ניט... — דערנאָכ האָט ער, קוקנדיק
דאָרענ גלײַכ אינ די אויגנ ארײַנ, שטיל געזאָגט:

— א דאנק, טײַערע, א דאנק פאר אלצ!

***

Р. РУБИНА

Еврейские женщины

Редактор *А. Фрумкин* Обл. — худ. *А. Гефтера*

Л 95412. Подписано к печати 14/XII 43 г. п/л. 4, уч.-изд. листов 3,1.
Тираж 5000 экз. Зак. 119.

Типография Госэнергоиздата. Москва, Шлюзовая наб., 10.

HDI
HW 26A7 B

20

Цена 3 руб.

Р. РУБИНА

ЕВРЕЙСКИЕ ЖЕНЩИНЫ

ОГИЗ
Госиздательство „Дер Эмес"
Москва, Старопанский пер., 1.

Printed in Soviet Union